STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00027

UNTERN TEYTLBOYM

Levin Kipnis

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Hilda Clayman
in memory of
her parents

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונטערן טייטלבוים

פון

לעווין קיפניס

אילוסטראציעס פון

איזא

פארלאג מתנות ניו יארק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

UNTERN TEITLBOIM

by

LEWIN KIPNIS

ILLUSTRATED BY ISA

Copyright, 1961 by
FARLAG MATONES, New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
41 Union Square, New York 3, N. Y.

Printed in the United States of America
By Futuro Press Inc., New York, N. Y.
200

צום אָנדענק פֿון מײַן מאַמע
באָבל רחל
מײַן ערשט בוך
אין מאַמע-לשון

אינהאלט

זייט

לעווין קיפּניס — ליפּע לעהרער — — — — — — — — — 6

ערשטער טייל

ראש השנה

אַ זיס יאָר — — — — — — — — — — — — — — 11

טאָלי מאָלט אַ שנה טובה — — — — — — — — — — 16

סוכּות

וואו דוד האָט גענומען סכך פאַר זיין סוכּה — — — — — — 19

געסט אין סוכּה — — — — — — — — — — — — — 23

חנוכּה

דאָס קריגעלע בוימל — — — — — — — — — — — — 26

די מלחמה פון ליכט און פינצטערניש — — — — — — — 32

ט״ו בשבט

שקדיהס (שקיידיאַ־מאַנדלביימל) געבוירנטאָג — — — — — — 37

פינף אין איין זעקל — — — — — — — — — — — — 42

פּורים

אַז דער חודש אָדר קומט צו גיין — — — — — — — — — 45

אָפּגענאַרט די באָבע — — — — — — — — — — — — 53

גוטע בשורות אויף פּורים — — — — — — — — — — — 55

פּסח

פעלד־קינדער — — — — — — — — — — — — — — 57

חד־גדיאָ האָט זיך אומגעקערט אהיים — — — — — — — — 64

עצמאות

נטע (נעטאַ) פֿליט קײן אילת — — — — — — — — — — — 69

ל״ג בעומר

בר כּוכבא און דער לײב — — — — — — — — — — — — — 73

שבֿועות

אַ מײדעלע ירדנה און אַ ציגעלע אַ קלײנע — — — — — — — 80
ביכּורים — — — — — — — — — — — — — — — — — 86

צװײטער טײל

די קלײנע פּאַלמע — — — — — — — — — — — — — — 97
נפֿתּלי גײט אין שולע — — — — — — — — — — — — — 102
דער מאַראַנץ — — — — — — — — — — — — — — — 105
דער האַרבסט קאַראַהאַד — — — — — — — — — — — — 111
שיפֿרוני — — — — — — — — — — — — — — — — — 117
שולמית די פּאַסטעכקע — — — — — — — — — — — — 123
אַ מעשׂה מיט אַ היטל — — — — — — — — — — — — — 130
װאַסער אין ירושלים — — — — — — — — — — — — — 134
דעם טאַטנס רעגן־שירעם — — — — — — — — — — — — 138
דער גוטער װינט — — — — — — — — — — — — — — 142
דאָס שטיבעלע אױפֿן באַרג — — — — — — — — — — — 146
אַ חזנדל — — — — — — — — — — — — — — — — — 148
די פֿאַנען האָבן געזיגט — — — — — — — — — — — — 151
די קלײנע „פֿליקערקע" — — — — — — — — — — — — 156

לעווין קיפּנים

צווישן די שרײַבערס פֿאַר קינדער, אין ישׂראל, פֿאַרנעמט לעווין קיפּנים זייער אַן אַנגעזעען אָרט. ער ווערט געלויבט ווי איינער פֿון די סאַמע ערשטע, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרײַבן, אויף העברעאיש, דערציילונגען און לידער פֿאַר די שולן און קינדער־גאָרטנס אין מאָ־דערנעם ארץ ישׂראל. אין 1956 האָט קיפּנים געקראָגן דעם „פּרס טורוב" — דעם טורוב פּריז — פֿאַר זײַן פֿון די חלוצים, פֿון די ערשטע, טאַקע דער ערשטער, צו שאַפֿן ליטעראַטור, אויף העברעאיש, פֿאַר די קינדער אין ארץ ישׂראל. ביז הײַנט זײַנען דערשינען אין ישׂראל צענ־דליקער ביכער פֿון לעווין קיפּנים זייער שיין אַרויסגעגעבן און נאָך ביכער זײַנע ווערן געדרוקט.

אַ צאָל פֿון זײַנע דערציילונגען זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ייִדיש, און מיר האָבן זיי געדרוקט אין „קינדער־זשורנאַל". זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען בײַ די לייענערס און בײַ די לערערס. אין אַפּריל 1953 האָט לעווין קיפּנים אָנגעהויבן שרײַבן פֿאַר אונדז אויף ייִדיש. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער אין „קינדער־זשורנאַל" אַליין אָפּגעדרוקט מער פֿון פֿופֿציק דערציילונגען. ער האָט זיך אויך גע־דרוקט אין אַנדערע זשורנאַלן, און איז באַלד געוואָרן איינער פֿון דער משפּחה שרײַבערס פֿאַר קינדער, אויף ייִדיש.

לעווין קיפּנים איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל, אוש־אָ־מיר, אוקראַינע, אין חודש אָב, ה'תרנ"ד, 1894. זײַן פֿאָטער איז גע־ווען אַ חזן, אויך זײַן ברודער איז געווען אַ חזן. זײַן פֿעטער, דעם טאַטנס ברודער, איז מנחם קיפּנים, דער גוט־באַקאַנטער זינגער אין אַמאָליקן וואַרשע, זאַמלער פֿון פֿאָלקסלידער און שרײַבער וועגן מוזיק אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער פּרעסע.

אָנגעהויבן שרײַבן האָט לעווין קיפּנים זייער יונג. זײַן ערשטע פּאָעמע איז געדרוקט געוואָרן אין העברעאישן קינדער־זשורנאַל „הפּרחים", אין 1911, ווען ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר.

אין 1913 איז לעווין קיפּנים געקומען קיין ארץ ישׂראל. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן פֿאַר קינדער, פֿון קינדער־גאָרטן און עלטער. זײַנע שאַפֿונגען האָבן באַלד אויסגענומען און ער איז געוואָרן פּאָפּולער און זייער באַליבט. ער איז טאַקע געווען פֿון די ערשטע, דער ערשטער,

וואָס האָט אָנגעהויבן שרײַבן אָריגינעלע דערציילונגען און לידער פֿאַר די קינדער, וואָס זייער לשון איז געווען העברעאיש. ביז אים האָט מען זיך באַניצט מערסטנס מיט איבערזעצונגען פֿון אַנדערע שפּראַכן. ביז הײַנט ווערן זײַנע לידער געזונגען אין אַלע קינדער־גאָרטנס און שולן אין ישׂראל און איבער דער ייִדישער וועלט. זײַנע דערציילונגען ווערן געלייענט אין אַלע חינוך־אינסטיטוציעס, וואו העברעאיש איז די הויפּט־שפּראַך. ווען ער האָט אָנגעהויבן אַזוי שפּעדיק צו שרײַבן אויך אויף ייִדיש, ווערן זײַנע דערציילונגען שטאַרק געלייענט אין אַלע שולן און דערציאונג־אינסטיטוציעס, וואו מען לערנט ייִדיש.

לעווין קיפּנים איז זייער אַ פּרוכטבאַרער שרײַבער. זײַנע טעמעס זײַנען נישט באַגרענעצט. ער איז זייער היימיש אין דעם לעבן פֿון אונדזערע קינדער: אין זייערע היימען, אין זייערע שול־קלאַסן און אויך אין זייער פֿרײַער צײַט, ווען זיי פֿאַרנעמען זיך מיט פֿאַרשיידענע שפּילערײַען.

לעווין קיפּנים פֿאַרמאָגט די געבענטשטע אייגנשאַפֿט, וואָס ער מאַכט זיך נישט קינדיש ווען ער רעדט צו קינדער, ער באַניצט נישט די פֿאַרקלענערונג־פֿאָרעם, עס זאָל ווערן ליטעראַטור פֿאַר קינדער, נאָר ער ווערט איינער פֿון דער קינדער־סבֿיבֿה, ער רעדט צו די קינדער אויף אַן אופֿן, וואָס זיי קאָנען גוט פֿאַרשטיין. ער פֿאַרקלענערט נישט די חשיבֿות פֿון קינד, מיט זײַן רעדן צו זיי ווי אַ דערוואַקסענער וואָס מאַכט זיך קינדיש, ער גלײַכט זיך אויס מיט זיי און ווערט איינער פֿון דער יונגער חבֿרה.

לעווין קיפּנים גיט אונדז אין זײַנע דערציילונגען אַ ברייטע, קאָלירפֿולע פּאַנאָראַמע פֿון דער קינדער־מלוכה. די שטומע וועלט פֿון שפּילצײַג, וואָס פֿאַרנעמט אַזאַ גרויס און וויכטיק אָרט אין לעבן פֿון קינדער, אויך די נאַטור און די פֿאַרשיידענע געוויקסן, קומען אַרויס לעבעדיק און אַפֿילו גראַציעז פֿון קיפּניסעס פּען. ער מאַכט זיי אַלעמען רעדן, זינגען און אַפֿילו טאַנצן. אַזוי אויך די פּערסאָנאַזשן פֿון דער שטומער, אָבער לעבעדיקער, וועלט. ער רעזשיסירט זיי אין זײַנע דערציילונגען, זיי ווערן לעגיטימע מיטשפּילערס, וואָס לעבן מיט, מיט די פֿריידן און זאָרגן פֿון די קינדער. אויך היסטאָרישע געשעענישן גיט לעווין קיפּנים איבער לײַכט און פֿליסיק, און אַזוי, שפּילעוודיק, באַקאַנט ער זײַנע יונגע, און אַפֿילו יונגיטשקע, לייענערס

מיט פֿאַרשיידענע העלדן, געשעענישן און יום־טובֿים אין דער געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק.

אין העברעאיש האָט לעווין קיפּנים גרויסע פֿאַרדינסטן פֿאַר די קינדער־גאָרטנס. ער האָט פֿאַר זיי געשאַפֿן אַ גרויסע און פֿאַרשיידנאַרטיקע ליטעראַטור, וואָס פּילט אוים דאָס לעבן פֿון דעם קליינוואַרג דעם גאַנצן טאָג וואָס זיי פֿאַרברענגען מיט זייערע דערציערס און זייערע לערערס. זײַן בוך „גן־גנון" איז זייער פּאָפּולער און איז דערשינען אין אַ סך אויפֿלאַגעס. ער האָט אויך געהאָלפֿן שאַפֿן אין ישׂראל דאָס קינדער־טעאַטער, ספּעציעל געשריבן פֿאַר זיי פֿאַרשיידענע שפּילערײַען, און ער איז זייער אָנפֿירער. זײַנע לידער מיט מוזיק ווערן געזונגען אומעטום וואו מען לערנט העבֿרעאיש. ער האָט אויך געשאַפֿן זייער אַ סך רעטענישן, וואָרט־שפּילן און אינסצעניררונגען וואָס האָבן אים באַליבט געמאַכט צווישן די קינדער און דערציערס.

אַז לעווין־קיפּנים האָט אָנגעהויבן שאַפֿן אויף ייִדיש, איז אויך דאָ זײַן שפּראַך לײַכט און שפּילעוודיק, ער ניצט אָן אידיאָמאַטיש, קערנדיק און פֿאַרביק לשון. דעריבער נעמען זײַנע דערציילונגען אַזוי שטאַרק אוים בײַ די יונגע לייענערס.

מיר זײַנען צופֿרידן, און ס'איז אונדזער הנאה, וואָס מיר האָבן צוגעצויגן און דערמוטיקט אַזאַ טאַלאַנטירטן שרײַבער צו אונדזער ייִדיש־שרײַבנדיקער משפּחה.

ל י פּ ע ל ע ה ר ע ר

ערשטער טייל

ראש השנה

אַ זיס יאָר

דוּיך־הויך, ווײַט־ווײַט, דאָרט וואו הימל און ערד טרעפן זיך, האָבן זיך באַגעגנט נײַ־יאָר און פֿאַרבײַ־יאָר.

פֿאַרבײַ־יאָר — אַלט און שוואַך, דאָס פּנים צעקנייטשט, די קליידער צעפּליקט, קרעכצט און זיפצט; הויקערדיק און גע־בויגן גייט עס אַראָפּ פֿון באַרג.

און נײַ־יאָר — יונג און שיין, אָנגעטאָן אין פּורפּור־בלוי, געקרוינט אין גאָלד, שלאַנק און שטאָלץ שטײַגט אויפֿן באַרג אַרויף.

און פֿיר מלאָכים באַגלייטן עס פֿון אַלע זײַטן.

⁂

באַגריסט נײַ־יאָר און רופֿט צו פֿאַרבײַ־יאָר:

— שלום, עלטערע שוועסטער מײַנע! וואָס קרעכצטו? וואָס זיפֿצסטו?

ענטפֿערט פֿאַרבײַ־יאָר:

— כ׳קרעכץ אויף יידישע צרות, וואָס יידן שטייען אויס אויף דער גאָרער וועלט...

אַזוי ווי זיי רעדן, האָבן זיי זיך געמוזט שיידן, ווײַל די זון איז פּלוצעם פֿאַרגאַנגען.

אין איין אויגנבליק איז פֿאַרבײַ־יאָר פֿאַרשוואונדן געוואָרן, און נײַ־יאָר איז געבליבן שטיין אַליין.

אַ ווײַל איז עס געשטאַנען פֿאַרקלערט, פֿאַרקוקט, נאָר גלײַך האָט עס זיך געלאָזט אין וועג.

***

ווי עס גייט — קומט אים אַנטקעגן אַ ווײַנגאָרטן מיט טרויבן ; צעוואַקסענע, געפּלאָכטענע ווײַנשטאָקן קלעטערן אין רייען אויפֿן באַרג און שטרעקן אויס זייערע גרינע צווײַגן קעגן נײַ־יאָר, אים צו באַגעגענען.

— שנה טובה ! שנה טובה ! — שרײַט אויס דער ווײַנגאָרטן.

— קום צו אונדז, דו פֿריילעך־גוט־יאָר !

ענטפֿערט נײַ־יאָר :

— שלום, ליבער ווײַנגאָרטן, טײַערער ווײַנגאָרטן ! ווי קאָן מיר זײַן פֿריילעך אויפֿן האַרצן, ווען ס'איז יידן אַזוי שווער און ביטער אויף דער גאָרער וועלט ?

זאָגט דער ווײַנגאָרטן :

— מײַנע הענגלעך טרויבן קוק נאָר אָן, זיי זײַנען שוין צײַטיק, דורכזיכטיק און פֿול מיט זיסן זאַפֿט. נעם און שנײַד אָפּ די בעסטע פֿון זיי, כּדי צו פֿאַרזיסן די יידן זייער ביטער לעבן.

האָבן צוויי מלאָכים אָפּגעשניטן אַ שיין הענגל ווײַנטרויבן און געטראָגן אויף אַ שטאַנג אין צווייען.

***

גייט נײַ־יאָר ווײַטער.

קומט אים אָן אַנטקעגן אַ גרויסער שמעקעדיקער פּרדס (פֿאַרדעס, סאָד) ; זײַנע הונדערטער ביימער האָבן אויפֿגעהויבן זייערע צווײַגן ווי טויזנט־טויזנטער הענט קעגן נײַ־יאָר, אים צו באַגעגענען.

אַ זיס יאָר

— שנה טובה! שנה טובה! — רופט אויס דער פּרדס. — מיר וואַרטן אויף דיר, גליקלעך־גוטער יאָר!

ענטפערט נײַ־יאָר:

— שלום, שלום, וואונדער־שיינער פּרדס! ווי קאָן איך זײַן גליקלעך, ווען ס׳איז שווער און ביטער די יִדן אויף דער גאָרער וועלט?

זאָגט דער פּרדס:

— צווישן מײַנע גרינע צווײַגן הענגען גאָלדענע מילגרוימען מיט רויטע קרוינען, מיט ראָזע בעקעלעך; זיי זײַנען שוין צײַטיק און פול מיט זעקס הונדערט דרײַצן זיס־זאַפטיקע קערנדלעך. אַלע זײַנען שיין, אַלע זײַנען זיס, נעם פון זיי צו פאַרזיסן דאָס יִדישע לעבן.

פילט אָן דער דריטער מלאך אַ קאָרב מיט מילגרוימען און טראָגט אים אויפן קאָפּ.

⁂

נאָך ווײַטער גייט נײַ־יאָר.

באַגעגנט אים אַ בינשטאָק אין בלומענפעלד, און אַ גאַנצע אַרמיי געל־גאָלדענע בינען זשומען אַרום און אַרום; זייערע גרויסע אויגן בלישטשען און דין דין־גלעזערנע פליגל גלאַנצן.

האָבן די בינען אַרומגערינגלט נײַ־יאָר מיט אַ געזאַנג:

— זײַ... זײַ... זײַ געבענטשט,
נײַ־יאָר! זײַ... זײַ... זײַ...

זײַ געבענטשט, זיס יאָר!

ענטפערט נײַ־יאָר:

— שלום, שלום, פלינק־פלײַסיקע בינען! ווי קאָן איך זיס זײַן, ווען ס׳איז שווער און ביטער די יִדן אויף דער גאָרער וועלט?

זאָגן די בינען:

— פֿון בלום צו בלום זײַנען מיר געפֿלויגן, זיסן, טײַערן זאַפֿט האָבן מיר געזויגן, פֿון פֿרי ביז אָוונט האָבן מיר געאַרבעט, געקײַט, געקנאָטן, און צוגעגרייט קיכעלעך מיט האָניק; נעם אונדזער האָניק צו פֿאַרזיסן דאָס יִדישע לעבן.

נעמט דער פֿערטער מלאך אַ קרוג מיט האָניק און טראָגט אים אויפֿן אַקסל.

⁂

זינגענדיק און פֿריילעך גייט נײַ־יאָר ווײַטער.

איין מלאך פֿון רעכטס טראָגט אַ קרוג מיט האָניק;

איין מלאך פֿון לינקס טראָגט אַ קאָרב מיט מילגרוימען;

צוויי מלאָכים פֿאָרויס טראָגן אַ הענגל טרויבן אויף אַ שטאַנג.

און ווען דרײַ שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפֿן הימל — האָט שוין נײַ־יאָר פֿאַרשפּרייט זײַנע בלויע, מילדע פֿליגל אויף דער וועלט.

און די מלאָכים האָבן זיך צעשפּרייט איבער די יום־טובדיקע הײַזער און צעטיילט די זיסע זאַכן.

אין אָוונט זײַנען יִדישע פֿאַמיליעס געזעסן אַרום די גע־גרייטע טישן מיט אַלעם גוטן, זיי האָבן פֿאַרזוכט פֿון די טרויבן, פֿון די מילגרוימען, האָבן געטונקען ווײַסע חלה אין גאָלד־האָניק און איינער דעם צווייטן האָט געוואונטשן:

— שנה טובה ומתוקה, אַ גוט־זיס יאָר!

טאַלי מאַלט אַ שנה טובה

טאַלי איז אַ בחורל, אַלט זעקס יאָר, / דאָך קען ער שוין דעם גאַנצן אַלף־בית אויף קלאָר, / וואו און ווי איז אַזוינס געשען? / ווער און וואו האָט אַזוינס געזען? / אַז אַ בחורל פון זעקס יאָר, / זאָל קאָנען דעם גאַנצן אַלף־בית אויף קלאָר, / אַז אין שול איז ער נאָך ניט געגאַנגען, ביי אַ לערער נאָך ניט געלערנט — / וואו און ווי און ווער? וועל איך אייך דערציילן גערן.

טאַלי האָט אַ זיידן — שוין איין מאָל אַ זיידע! / גאַנצענע טעג פאַרברענגען זיי ביידע. / מע רעדט, מע לאַכט, מע פּראַוועט שפּאַס, / האַנט־ביי־האַנט גייען זיי אויף דער גאַס, / שפּאַצירן צוזאַמען אין פּאַרק, / קויפן עפּל־באַרן אויפן גרויסן מאַרק. / שיילט דער זיידע די פּרוכטן און שפּאַרט טאַליען גלייך אין מויל. / דאָס הייסט אַ זיידע, גוט און וואויל!

און מעשיות האָט דער זיידע אַ גאַנצן פּאַק, / און דערציילן דערציילט ער אַזוי זיס און געשמאַק! / דערציילט דער זיידע אַ מעשה נאָך אַ מעשה / פון אַ שוואַרצן קאָטער און אַ ציגעלע אַ ווייסע, / פון אַגרעסן גרינע און קאַרשן רויטע, / פון אַ מיידעלע אַ קלוגע און אַ יינגעלע אַ שוטה. / אויך מעשיות פונעם חומש דערציילט דער זיידע, / ווי מע האָט אַרויסגעטריבן אָדמען און חוהן פון גן־עדן, / נוח מיטן קאַסטן און דער טורעם פון בבל, / ווי משה רבנו האָט צעבראָכן אַ טאָוול נאָך אַ טאָוול.

און ווייטער דערציילט דער זיידע פון די לעצטע יאָרן, /

ווי אַזוי מדינת ישׂראל איז ווידער געבוירן געוואָרן. / ווי ייִדישע גיבורים האָבן געזיגט, ווי אַראַבער זייַנען געפֿאַלן — — — / דערצו נאָך לייענט דער זיידע פון צייַטונגען און זשורנאַלן.

אַזוי דערציילנדיק און שפּילנדיק, אַן גוואַלד, אַן שטראָף, האָט זיך טאַלי אויסגעלערנט שרייַבן פון אַלף ביז תּו.

אַז ערב ראש השנה איז אָנגעקומען, / האָט טאַלי פּאַפּיר און פען גענומען, / זיך אַוועקגעזעצט שרייַבן ווערטער אַ פּאָר — / אַ ווינטש־קאַרט צום נייַעם יאָר. / ס׳איז נישט אַזוי לייַכט, מע דאַרף דאָך אויך גראַמען! / דאָס האָט טאַלי געמאַכט מיטן זיידן צוזאַמען. / נו, האָט ער גענומען שרייַבן און מעקן, / אויס־געפּילט דאָס פּאַפּיר ביז אַלע עקן, / געשריבן־געמעקט, גע־מעקט־געשריבן, / אָט וואָס איז צום סוף געבליבן:

שנה טובה

נייַ־יאָר, נײַ־יאָר, זאָל זייַן מיט גליק דייַן קומען.
איך טראָג דיר אַנטקעגן אַ קראַנץ מיט בלומען.
וואָס, נייַ־יאָר, וועסטו ברענגען מיר?
אָט שרייַב איך, וואָס כ׳ווינטש פון דיר:
א — אַן אויטאָמאָביל (וואָס פֿאָרט), כ׳האָב שוין לאַנג דאָס געוואָלט.
ב — ביכלעך, שיינע מעשׂיות, מיט בילדער געמאָלט.
ג — גוטס, — גוט איז נישט שלעכט!
ד — דודע, — וועל איך דודלען טעג און נעכט.
ה — האָניק צום לעקן, המן־טאַשן.
ו — ווייַנשל צום נאַשן.
ז — זיידע און באָבע. די באָבע מיטן זיידן זאָלן זיך עלטערן אין נחת און אין פֿריידן.

ח — חנוכּה — אַ דריידל, חנוכּה־געלט,
ט — טאַטע־מאַמע זאָלן זײַן געזונט, זיי זײַנען מיר טײַערער
פֿון אַלץ אויף דער וועלט!
י — ישׂראל זאָל זיך שטאַרקן איבער אַלע פֿײַנד.
כּ — כּל העמים — אַלע פֿעלקער זאָלן ווערן ייִדישע פֿרײַנד.
ל — לעקעך,
מ — מאַנדלען,
נ — ניסלעך (צו קנאַקן און געבן דעם זיידן).
ס — סאַמעט און אַטלעס אויף צו קליידן.
ע — עפּל,
פּ — פּאָמעראַנצן,
ק — קאָנפֿעקטן — (איר זעט סאַראַ נאַשער, איר מעגט גלייבן!)
ר — ראָזשינקעס מיט... (מאַנדלען, שוין געשריבן אויבן).
ש — שלום זאָל זײַן. שלום — דאָס הייסט פֿרידן,
ת — תּמיד, תּמיד אויף ישׂראל און אויף אַלע ייִדן!

סוכּות

וואו דוד האָט גענומען סכך פֿאַר זײַן סוכּה

דרײַ טעג כּסדר, פֿון נאָך יום־כּיפּור ביז ערב סוכּות, האָט דוד געהאָרעוועט־געאַרבעט און האָט אויסגעבויט אַ סוכּה.

פֿיר גריבער האָט ער געגראָבן, פֿיר דרענגער האָט ער אַרײַנגעשטעקט, פֿיר שטאַנגען האָט ער איבערגעצויגן, און פֿון עק צו עק געשטעלט ברעטער אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט. פֿון איין זײַט האָט ער געעפֿנט אַ פֿענצטער, אין אַ צווייטער זײַט — אויפֿגעהאַנגען אַ טיר, און פֿון אויבן האָט ער אויסגעלייגט דינע שטעקנס אין דער לענג, אין דער ברייט — אָט איז שוין פֿאַרטיק דער דאַך.

וואָס נאָך פֿעלט? נאָר סכך!

⁂

נעמט דוד אַ זעג מיט אַ האַק און גייט אַרויס אין גאָרטן. זעט ער: עס שטייט אַ ציפּרעס־בוים שטאָלץ און גרויס. ניט ער שאָקלט זיך, ניט ער באַוועגט זיך, פּונקט ווי אַן עכטער וועכטער.

— ציפּרעס, ציפּרעס! שענק מיר פֿון דײַנע נאָדלען־שטע־כּעדיקע צווײַגן, איך דאַרף סכך פֿאַר מײַן סוכּה.

האָט דער ציפּרעס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ הין און צוריק און געענטפֿערט:

— ניין! צווישן מײַנע צווײַגן האָבן פֿייגל געפֿלאָכטן נעסטן; האַקסטו מײַנע צווײַגן — צעשטערסטו די נעסטן, די פֿייגל־

מאַמעס װעלן פלאַטערן פֿון צער און די פּיצינקע קינדערלעך װעלן ביטער װײנען.

***

גײט דוד אַװעק צום פֿײַגנבױם.

— זיסער פֿײַגנבױם, ברײט־צעשפּרײטער פֿײַגנבױם! גיב מיר נישט קײן פֿײַגן, איך װיל צװײַגן. אַ סוכּה האָב איך אױס־געבױט מיט אַ דאַך, איצט דאַרף איך סכך.

— נײן, מײַן קינד! אַ פֿײַג קען איך דיר געבן, אָבער נישט קײן צװײַגן. צי װײסטו ניט, אַז װען דו נעמסט בײַ מיר אַ שטעקן און װעסט אים אין דער ערד שטעקן — װעט אױסװאַקסן אַ גאַנצער בױם? און דו װילסט מיט מײַן שטעקן דײַן סוכּה דעקן?

***

איז דוד אַװעק צום אײלבױם.

— דו טײַערער אײלבױם! דײַנע װאָרצלען זײַנען גע־פֿלאָכטן װי שלאַנגען, דײַנע צװײַגן — לאַנג װי שטאַנגען, דײַנע בלעטער זילבער־גרין גלאַנצן װי זײַד, סאַטין, — זײַ אַזױ גוט און גיב מיר סכך פֿאַר מײַן סוכּה!

— נײן, ייִנגעלע, נײן! אַ גאַנץ יאָר װי איך װאַרט אױף מײַנע פּרוכטן; איצט זײַנען זײ צײַטיק געװאָרן. זע: טױזנ־טער אײלבירטן גלאַנצן צװישן די בלעטער װי שטערן אין הימל — װילסטו ערשט מײַנע צװײַגן ברעכן?

***

שפּאַנט דוד אַװעק צום מילגרױם.

— רױט־גאָלדענער מילגרױם! אפשר װעסטו מיר געבן אַ בינטל צװײַגן צו דעקן מײַן סוכּה?

— ניין! אויף מײַנע צווײַגן זײַנען געהאַנגען רויט־זאַפֿטיקע, שווערע מילגרוימען. האָט מען זיי שוין אַראָפּגעריסן, און מיך געלאָזט נאַקעט. נאָר איין שיינער, גרויסער מילגרוים איז געבליבן הענגען אויף מײַן שפּיץ. כ׳בין גרייט דיר אים אַוועקצוגעבן צו פֿאַרפּוצן דײַן סוכּה. אָבער צווײַגן קען איך דיר נישט געבן.

⁂

רײַסט אָפּ דוד דעם איין און איינציקן מילגרוים און קומט צום טייטלבוים.

— וואונדער־שיינע פּאַלמע, טײַערער טייטלבוים! אַ סוכּה האָב איך געבויט, ווענט האָב איך אויפֿגעשטעלט, אַ פֿענצטער געעפֿנט, אַ טיר אויפֿגעהאַנגען, נאָר קיין סכך האָב איך ניט דעם דאַך צו דעקן.

כ׳בין געגאַנגען צום ציפּרעס־בוים,
כ׳האָב געבעטן דעם פֿײַגנבוים,
צום איילבוים האָב איך זיך געווענדט,
און צום רויט־גאָלדענעם מילגרוים —

אָבער זיי אַלע האָבן מיר נישט געגעבן פֿון זייערע צווײַגן. אפֿשר וועסטו מיר שענקען פֿעכער־צווײַגן פֿאַר מײַן סוכּה?

האָט די פּאַלמע געענטפֿערט:

— יאָ! זע נאָר: מײַנע צווײַגן בייגן זיך און פֿאַלן ווי זון־שטראַלן. קענסטו קלעטערן? נעם אַ זעג און זעג אָפּ אַלע מײַנע פֿעכערס, אַלע. זשאַלעווע ניט; ביז איבער־אַ־יאָר וועל איך אַרויסגעבן נײַע, פֿרישע, גרינע פֿעכערס. ביסט אַ בראַוווער יונג — קלעטער ווײַטער, העכער, ביזן שפּיץ, דאָרטן וואַקסט אַ צאַרטער לולב, קענסטו אים אויך נעמען.

***

דוד האָט טאַקע אַזוי געטאָן, געקלעטערט און אָפּגעזעגן אַלע שיינע פּעכערס, און אויך דעם לולב אויפֿן שפּיץ־פּאַלמע אָפּגעשניטן.

דוד האָט צוגעדעקט זײַן סוכּה מיט די פּאַלמע־פּעכערס, אויפֿגעהאַנגען דעם מילגרוים, און דעם לולב האָט ער אַוועקגעשטעלט אין ווינקל סוכּה אין אַ קרוג וואַסער, כּדי ער זאָל בלײַבן פֿריש און גרין אַ גאַנצן יום־טובֿ.

געסט אין סוכּה

דער לאַנגער גרינער לולב האָט פאַרגאַרטלט זיין גאַרטל, / און אָנגעקלאַפּט צום אתרוג אויפן דעקל פון שאַכטל:
„שטיי אויף, אתרוג, געטוג דיר צו דרימלען! / זע, קלאָר און לויטער זײַנען די הימלען, / די זון שײַנט, וואַרעמט, — / קום מיט מיר געאָרעמט, / מיר וועלן שפּאַצירן איבער באַרג, טאָל, פעלד, / צו דער גרויסער וועלט".
קריכט אַרויס פון שאַכטל דער אתרוג, געל ווי וואַקס / טרייסלט אָפּ פון זיך די פעדעם־פלאַקס, / און זאָגט:
„ליבער לולב, דו ביסט גערעכט! / שוין גענוג געשלאָפן גאַנצע נעכט, / גענוג געדרימלט גאַנצענע טעג, / לאָמיר אַרויסגיין אויפן וועג!"

⁂

גייען זיי ביידע, גייען פאַרביי אַ גאָרטן. / שטרעקט זיך אַרויס אַ צווײַגל פון דאָרטן, / און רופט:
„איך בין הדס, מײַן ריח איז וואונדערלעך / כ׳וויל אויך מיט אײַך גיין!"
זאָגן אתרוג און לולב:
„פאַר וואָס ניט?"
גייען זיי זאַלבעדריט.

⁂

גייען זיי, גייען אַראָפּ פונעם שליאַך / און קומען צו אַ

ברייטן טײַך. / שטייט דאָרט אַ ווערבע אײַנגעבויגן, / און שפּיגלט זיך אין וואַסער מיט פאַרוויינטע אויגן. / רײַסט זיך אָפּ אַ ריטעלע פון אַ צווײַג / און גייט זיי נאָך — און מאַכט אַ שווײַג.

אַז די דרײַ האָבן דאָס דערזען, פרעגן זיי:

„ווער ביסטו? וואו גייסטו?"

ענטפערט ער:

„איך בין אַ פשוט ריטעלע, פון ווערבע־בוים אָפּגעריסן, / כ'האָב ניט קיין טעם, נישט צו געניסן. / כ'בין אָבער פריש, גרין מיט בלעטעלעך אַ סך — / כ'וויל אויך גיין מיט אײַך".

ענטפערן זיי:

„דו גייסט דאָך שוין מיט אונדז סײַ ווי סײַ, / פיר איז פרייליכער פון דרײַ".

***

גייען זיי, גייען אַלע פיר צוזאַמען, / איבער בערג, טאָלן, וועלדער און ימען. / קומען זיי אָן אין אַ ווײַט לאַנד, אין אַ גרויסער שטאָט, / מיט גאַסן לאַנגע, פאַרצויגענע מיט דראָט, / הײַזער ביז די וואָלקנס הויך, / און קוימענס — ס'שפּאַרט פון זיי אַ רויך.

פּלוצעם דערזעען זיי אַ סוכהלע אַ קליינע, / דאָך — אַ שיינע, / מיט סכך געדעקט, מיט פאָרהענגלעך באַהאַנגען.

זײַנען זיי אַרײַנגעגאַנגען.

זיצט דאָרט אַ ייִד און עסט. / ווי ער האָט זיי דערזען שרײַט ער אויס:

— „קומט אַרײַן, ליבע געסט!"

נעמט ער דעם לולב און גלעט, און גלעט, / רירט אָן דעם

אתרוג — צאַרט און נעט, / דער הדס שמעקט, דאָס ווערבעלע פּריש, / און מאַכט זיי אַ פּלאַץ אויפן טיש.

⁂

האָבן זיך גלײַך דערוואוסט פון זיי מענטשן, / זיינען זיי געקומען „אתרוג און לולב" בענטשן. / בענטשן זיי איינער נאָכן צווייטן און זײַנען צופרידן ביז גאָר / און ווינטשעווען איינער דעם צווייטן:

— „דערלעבט איבער-אַ-יאָר!"

חנוכּה

דאָס קריגעלע בוימל

א

אַ וואונדער־שיינער בית־המקדש איז געשטאַנען אין ירושלים; אין בית־המקדש האָט געברענט אַ מנורה, אַ ריין־גאָלדענע מנורה.

טאָג און נאַכט האָט זי געלויכטן, זי האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרלאָשן.

זיינען איין מאָל אָנגעקומען די גריכן קיין ארץ־ישׂראל, באַפאַלן די שטאָט ירושלים, אַריין אין בית־המקדש און אַוועק־געשטעלט אַ שטיינערנעם אָפּגאָט.

ווי די מנורה האָט דערזען דעם שטיינערנעם אָפּגאָט, האָט זי זיך באַלד פאַרלאָשן.

די מנורה האָט אַזוי געזאָגט:

„איך וועל ניט שיקן מיין ריין ליכט צו לייכטן אויף דעם שטיינערנעם אָפּגאָט!”

איז דער גריכישער מלך שטאַרק צאָרנדיק געוואָרן און האָט באַפוילן:

— צינדט אָן די מנורה!

האָט מען זי אָנגעצונדן — זי האָט אָבער ניט געוואָלט ברענען.

— ברענגט אַהער בוימל! — האָט דער מלך געשריען.
האָט מען געבראַכט און דערלאַנגט דעם בוימל.

דער מלך האָט אָנגעגאָסן בוימל אין דער מנורה, זי אָנגע־צונדן — אָבער זי ברענט ניט.

טראַכט דער מלך: „אפשר איז דער בוימל נישט קיין גוטער!“ האָט ער באַפוילן:

— ברענגט מיר דעם טײַערסטן בוימל וואָס קאָן נאָר זײַן!

זײַנען די דינער געלאָפן און געבראַכט דעם טײַערסטן בוימל וואָס קאָן נאָר זײַן.

דער מלך האָט ווידער אָנגעגאָסן בוימל אין דער מנורה, זי אָנגעצונדן — זי ברענט אָבער ניט.

האָט דער מלך זיך זייער פאַרוואונדערט און געזאָגט:

— נישט אַנדערש, אַז ס'איז דאָ אַן אַנדער סאָרט בוימל, באַזונדער פאַר דער דאָזיקער מנורה!

אין אמתן, איז טאַקע געווען אין בית־המקדש אַ באַזונדער מין בוימל; אַ סך קריגלעך אָנגעפילטע מיט לויטער איילבירט־בוימל זײַנען געווען אין בית־המקדש. מיט דעם בוימל האָט מען אָנגעצונדן די מנורה.

האָבן די קריגלעך דערהערט דעם מלכס רייד, האָבן זיי אָנגעהויבן ציטערן פון שרעק, און זיך טוליען איינע צו די אַנדערע טאָמער וועט דער מלך זיי אָנרירן.

די גריכן האָבן אָבער געפונען די קריגלעך און זיי געבראַכט צום מלך.

— איצט וועט שוין די מנורה לײַכטן אויף מײַן גאָט!

ווי דער מלך האָט געעפנט איין קריגל איז ער שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרן: אַזאַ גוטן בוימל האָט ער נאָך ניט געזען; ער האָט אַ שמעק געטאָן — און ער איז נאָך מער דערשטוינט געוואָרן, ווײַל דער בוימל האָט געשמעקט וואונ־דערלעך גוט.

דער מלך האָט אַרײַנגעגאָסן דעם וואונדערלעכן בוימל אין דער מנורה, זי אָנגעצונדן — זי ברענט אָבער ניט...

דער מלך האָט געגאָסן פֿונעם צווייטן קריגל, פֿונעם דריטן קריגל — זי ברענט אָבער ניט; ער האָט געגאָסן פֿון אַלע קריגלעך — און די מנורה האָט ניט געוואָלט ברענען.

פֿון גרויס צאָרן האָט דער מלך אַראָפּגעוואָרפֿן די מנורה אויף דער ערד, מיט די פֿיס האָט ער געשטויסן די קריגלעך, זיי צעבראָכן און איז אַרויס פֿון בית־המקדש און האָט די טיר פֿאַרהאַקט.

ב

שטאַ שטיל איז געוואָרן אין בית־המקדש.

דער שטיינערנער אָפּגאָט איז געשטאַנען שטום, נאָר די מנורה האָט שטילערהייט געוויינט און דער אויסגעגאָסענער בוימל איז גערונען צווישן די שערבלעך און האָט ווי געזאָטן: „פֿאַרוואָס האָבן די שלעכטע גריכן מיך אויסגעגאָסן?״...

נאָר איין קליין קריגעלע איז געשטאַנען באַהאַלטן אין אַ טונקל ווינקעלע. עס איז געבליבן גאַנץ, און גריכישע הענט האָבן עס ניט אָנגערירט.

אַזוי זײַנען אַריבער טעג, אַזוי זײַנען אַריבער נעכט.

איינמאָל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פֿון דרויסן, און טריט האָבן זיך דערנענטערט צום בית־המקדש.

די מנורה האָט אַ ציטער געטאָן:

„אַט קומען ווידער די גריכן...״

און דאָס קליינע קריגעלע האָט אַ צאַפּל געטאָן:

„די גריכן קומען ווידער, זיי וועלן מיך געפֿינען, מיך וועלן זיי צעברעכן און מײַן בוימל פֿאַרשוועכן...״

אומזיסט אָבער האָט די מנורה געציטערט און אומזיסט האָט דאָס קליינע קריגעלע געצאַפּלט: נישט די שלעכטע גריכן, נאָר די ייִדישע גיבורים האָבן זיך דערנענטערט צום בית־המקדש.

ווײַל יהודה המכבי האָט צונויפֿגעקליבן אַלע ייִדישע העלדן, באַפֿאַלן די גריכן און זיי אַרויסגעטריבן פֿונעם לאַנד. איצט קומען זיי אַלע קײַן ירושלים צום בית־המקדש מיט געזאַנג און מיט פֿאָנען.

ווען זיי זײַנען אַרײַן אין בית־המקדש האָבן זיי גלײַך צעבראָכן דעם שטיינערנעם אָפּגאָט און אים אַרויסגעשלײַדערט אין דרויסן. זיי האָבן אויפֿגעהויבן די מנורה פֿון דער ערד און זי אַוועקגעשטעלט אויף איר אָרט, זי אויסגעפּוצט, אויסגע־רייניקט ביז זי האָט געגלאַנצט ווי פֿריער.

דעמאָלט איז יהודה המכבי צוגעגאַנגען אָנצינדן די מנורה — איז נישטאָ קײַן בוימל...

אַלע קריגלעך זײַנען צעשטויסן, אַלע בוימלען צערונען.

איז יהודה טרויעריק געוואָרן און געזאָגט:

— וואו וועלן מיר נעמען ריינעם איילבירט־בוימל אָנצו־צינדן די מנורה?

דאָ האָט זיך דאָס קליינע קריגעלע גערירט פֿונעם ווינקעלע, גערירט זיך און געקײַקלט און זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר יהודהן.

יהודה האָט אויפֿגעהויבן דאָס קריגעלע און באַלד געזען, אַז ס'איז פֿול מיט ריינעם איילבירט־בוימל.

האָט ער דעם בוימל אַרײַנגעגאָסן אין דער מנורה און האָט זי אָנגעצונדן —

אַ גרויס ליכט האָט אויפֿגעלויכטן, אין בית־המקדש איז געוואָרן ליכטיק.

ד אָ ס ק ר י ג ע ל ע ב ו י מ ל

אַ ליכט — אַ פֿרייד!
אָבער יהודה איז געווען פֿאַרזאָרגט:

„דאָס קריגעלע איז אַ קליינס, דער בוימל איז ווינציק, עס וועט קוים זײַן גענוג אויף איין טאָג און איין נאַכט. וואָס וועלן מיר טאָן מאָרגן? איבערמאָרגן? עס וועט דאָך געדויערן אַכט טעג ביז מ׳וועט צוגרייטן נײַעם בוימל...״

אָבער —

נס
גדול
היה
שם!

אַ נס אַ גרויסער איז געשען!

ס׳איז אַרײַן אַ מזל־ברכה אינעם קליינעם קריגעלע: וויפל מ׳האָט פון דעם נישט געגאָסן — איז נישט געוואָרן ווייניקער.

יעדן טאָג האָט מען אָנגעפֿילט די מנורה מיט בוימל, און דאָס קריגעלע איז ווידער פֿול געוואָרן ווי פֿריער.

אַכט טעג און אַכט נעכט האָט דאָס קריגעלע געגעבן בוימל פֿאַר דער מנורה, ביז מע האָט אָנגעגרייט נײַעם בוימל.

און גאַנצע אַכט טעג האָבן די ייִדן מיט פֿרייד און געזאַנג געפּײַערט דעם יום־טוב

די מלחמה פון ליכט און פינצטערניש

א

די חנוכה־מעשׂה הייבט זיך אָן אין ערשטן קאַפּיטל,
ווען דער שמש־ליכט טוט אָן זײַן פֿײַערדיק היטל.

אזילבערן חנוכה־לעמפּל איז געשטאַנען אויפֿן פֿענצ־טער, און אַכט ליכטלעך, קליינינקע, דינינקע, האָבן פֿריילעך געלויכטן. אין דער זײַט איז געשטאַנען דאָס הויכע דאַרע שמש־ליכטל, געשאָקלט מיט זײַן פֿײַערהוט, און דערציילט זיי אָן אור־אַלטע געשיכטע:

„...שיין, און פֿײַן איז געווען דאָס לאַנד; מאַנדלען און טייטלען זײַנען דאָרט געוואַקסן, בלומען און רויזן האָבן דאָרט געבליט, די בערג זײַנען געווען באַדעקט מיט גרינס, די בלויע הימלען האָבן געטריפֿט רעגן און טוי.

אין דעם וואונדערלאַנד האָבן יידן געלעבט פֿרײַ און זיכער, געזייט פֿעלדער און געפֿלאַנצט גערטנער. און אַ בית־המקדש האָבן זיי געבויט אין ירושלים, גרויס און שיין און באַפּוצט מיט גינגאָלד. אין בית־המקדש האָט געברענט טאָג און נאַכט אַ ריין־גאָלדענע מנורה, וואָס האָט באַלויכטן גאַנץ ירושלים און אַלע בערג ווײַט אַרום...“

די דינינקע, לויטערע ליכטלעך האָבן זיך צוגעהערט צו דער געשיכטע, זיי האָבן געוואונקען איינס צום אַנדערן, און זייערע פֿייערלעך האָבן פֿריילעך געפֿלאַקערט.

ב

די שוואַרצע פּינצטערניש, ניט נאָר פון היינט,
— ליכט און פייער האָט זי שטאַרק פיינט.

די שוואַרצע פינצטערניש האָט ניט געוואָלט הערן דעם שמש־ליכטלס געשיכטע. זי האָט גאָר ניט געוואָלט קוקן אויפן חנוכה־לעמפל, ווייל די פינצטערניש האָט פון תמיד אָן פיינט ליכט און שיין. האָט זי אַרויסגעשיקט אַן אַרמיי פון שוואַרצע שאָטנס, זיי זאָלן פאַרפינצטערן די ליכטלעך. זיינען די שאָטנס אַרויס, געקלעטערט אויף די ווענט און גערופן:

אויס פייער, ניטאָ מער קיין שיין,
זאָל אַלץ שוואַרץ און פינצטער זיין!

ווי נאָר די שוואַרצע שאָטנס זיינען אָנגעפאַלן אויף די חנוכה־ליכטלעך, אַזוי האָבן זיי געכאַפּט אַ ברען און גלייך אָפּגעשפּרונגען מיט גרויס וויי און געשריי. דאָס שמש־ליכטל האָט אויסגעגלייכט זיין פייער און האָט דערציילט ווייטער:

„...אַ שווערער, שוואַרצער וואָלקן האָט באַדעקט דעם לויטערן הימל פון ישראל; אַנטיוכוס הרשע מיט זיין אַרמיי האָט פאַרפּלייצט דאָס יידישע לאַנד, און באַפוילן אַז די יידן זאָלן פאַרגעסן זייער אייגענע שפּראַך און ריידן גריכיש, זיי זאָלן בייטן זייערע יידישע נעמען אויף גריכישע; זיי זאָלן לייענען גריכישע ביכער און פאַרגעסן די הייליקע תורה...“

טרויעריק איז געווען דעם שמשס געשיכטע, טרויעריק זיינען געוואָרן די קליינינקע ליכטלעך און טונקעלער איז געוואָרן זייער שיין.

ג

אַ בייזער ווינט איז געקומען פֿון העט־ווײַט
— אומעטיק איז די געשיכטע פֿון אַמאָליקער צײַט.

פּלוצעם האָט אַ בייזער ווינט אָנגעהויבן האַסטיק בלאָזן אויפֿן פֿענצטער, אַרײַנגעריסן זיך דורך די שויבן־שפּאַלטן און איז באַפֿאַלן די חנוכּה־ליכטלעך:

פֿײַער, ליכט, כ'וועל ניט דערלאָזן, —
מיט האַס, מיט כּעס וועל איך בלאָזן!

ווי נאָר דער ווינט איז אָנגעפֿאַלן אויף די חנוכּה־ליכטלעך, אַזוי האָט ער געכאַפּט אַ ברי, און האָט זיך גלײַך אָפּגעטראָגן מיט אַ ביטערן ציטער און געוויין. די צאַפּלדיקע ליכטלעך האָבן געאָטעמט פֿרײַער, און דאָס שמש־ליכטל האָט ווײַטער דערציילט:

„...איז אָנגעפֿאַלן אַנטיוכוס הרשע אויף דער שיינער שטאָט ירושלים, אַרײַנגעבראָכן זיך אין בית־המקדש, פֿאַרלאָשן די לויטערע ליכט, אַראָפּגעוואָרפֿן די גאָלדענע מנורה, און אויף איר אָרט אַוועקגעשטעלט אַ שטיינערנעם גאָט, און האָט באַ־פֿוילן: — ,נאָר צו אים זאָלט איר זיך בוקן'!...״

דער שמש האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, די ליכטלעך האָבן געפֿינטלט מיט צער און שמאַרץ.

ד

רעגן, שניי און האָגל — שלאַג־שלוג־שליג!
צווישן פֿײַער און וואַסער — אַן אייביקער קריג.

די הימלען האָבן זיך פֿאַרוואָלקנט מיט שווערע

כמאַרעס, און געדיכטע טראָפּנס און קאַלט־האַרטע האָג־לען האָבן גענומען קלאַפּן אין פֿענצטער.

גוואַלד, חברה, ס'איז ליכטיק! עס ברענט!
האַקט פֿענצטער, ברעכט ווענט!

די קליינע ליכטלעך האָבן געצאַפּלט פֿון שרעק, און זייערע פֿלעמעלעך האָבן געציטערט. אָבער דאָס שמש־ליכט איז געשטאַנען שטאָלץ און האָט מוטיק דערציילט ווײַטער:

„...איז געווען בײַ ייִדן אַן אַלטער גרײַז־גרויער מאַן — מתּתיהו הכּהן. האָט ער זיך קעגנגעשטעלט מיט אַ שווערד אין האַנט. פֿינף זין האָט ער געהאַט — מכּבייער. דער העלד פֿון זיי, יהודה המכּבי, האָט צונויפֿגערופֿן ייִדישע גבורים, זײַנען זיי באַפֿאַלן די גריכן, אַרויסגעטריבן זיי פֿונעם לאַנד, און מיט אַ געזאַנג זײַנען זיי אַרײַן אין בית־המקדש. גלײַך האָבן זיי צעשטויסן דעם שטיינערנעם גאָט. זיי האָבן צוריק אויפֿגע־שטעלט די גאָלדענע מנורה אויף איר פּלאַץ און אָנגעצונדן אירע ליכט...״

ה

דאָס לעצטע קאַפּיטל — אַ סוף צום קריג.
— חנוכּה איז אַ יום־טוב פֿון ליכט און זיג!

ווי דאָס שמש־ליכטל האָט געענדיקט דערציילן, האָט ער אויסגעצויגן הויך־הויך זײַן פֿלאַם און אויך אַלע ליכטלעך האָבן פֿלאַמענדיק זיך געהויבן. די כמאַרעס זײַנען אַוועק, די הימלען זײַנען לויטער געוואָרן, גלאַנ־ציקע שטערן האָבן זיך באַוויזן, זיי האָבן מיט זייערע

ליכטיקע אויגן דערזען די חנוכה־ליכטלעך, און זיי האָבן אויסגעשריִען:

„שלום! שלום! ליכטעלעך שיינינקע!
האָבן די ליכטלעך געפֿינקלט פֿריילעך און געענטפֿערט:

„שלום! שלום! שטערנדלעך ריינינקע!"
און ייִדישע קינדערלעך האָבן אַרומגערינגלט דאָס חנוכּה־לעמפּל, זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט ווי שטערן און געפֿינקלט ווי פֿלעמלעך, און אַלע האָבן געזונגען:

טונקל־שוואַרץ וועט מער ניט זײַן,
פֿול די גאַנצע וועלט מיט שײַן!

ט״ו בשבט

שקדיהס געבוירנטאָג

(שקיידיאַ — אַ מאַנדל-ביימל)

אַ יונגע שיינע שקדיה איז געוואָקסן אין פּרוכט-גאָרטן בײַ דער שטוב. די זומערדיקע זון האָט נאָך שטאַרק געברענט, ווען דאָס ביימעלע האָט אָנגעהויבן אָפּטרייסלען אירע שוואַכע בלעטער, און אַז דער האַרבסט איז געקומען איז זי שוין גע־שטאַנען הויל-נאַקעט.

דער ווינט ווייט, דער רעגן גייט —
קאַלט איז דער שקדיה אָן אַ קלייד.

איין מאָל אין אַ ווינטער-טאָג, ווען דער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט, און אַ לויטערע זון איז אַרויס וואַרעמען די וועלט, איז פֿון ערגעץ ווײַט אָנגעקומען אַ לײַכט ווינטעלע, אַרײַנ־געכאַפּט זיך אין פּרוכט-גאָרטן, אַרומגעדרייט זיך איבער די ביימער און זיי אײַנגערוימט אַ סוד:

— איר ווייסט? מאָרגן איז שקדיהס געבוירן־טאָג!

ווי די ביימער האָבן דאָס דערהערט, אַזוי האָבן זיי אָנ־געהויבן שאָקלען מיט די צווײַגן, און שעפּטשען איינער צום צווייטן:

— האָסט געהערט? מאָרגן איז שקדיהס געבוירן־טאָג!

פֿליט דורך אַ פֿייגעלע, כאַפּט עס וואָס די ביימער שעפּ־טשען, אַזוי פּאַטשט עס מיט די פֿליגעלעך גלײַך צום מאַנדל־ביימעלע און פֿרעגט:

—ציצי-צווי! צי איז טאַקע אמת, שקדיה, וואָס כ׳האָב

געהערט? אַט פֿלי איך פֿאַרבעטן אַלע מײַנע חברטעס און מיר וועלן קומען דיך בענטשן!

אויך דער קלײנער דני איז צוגעשפּרונגען צו דער שקדיה און האָט אויסגעשריען:

— מאָרגן איז טו־בשבט, מאָרגן איז דײַן געבוירן־טאָג. מאָרגן קום איך מיט אַלע מײַנע חברים דיר ווינטשן פיל ברכות.

⁂

די יונגע שיינע שקדיה הערט אויס אַלץ, נאָר זי ענטפֿערט ניט קײן וואָרט. ווי אַ ציטער גייט איבער אירע נאַקעטע צווײַגעלעך און זי רעדט שטיל ווי צו זיך אַליין:

— יאָ, מאָרגן איז בײַ מיר אַ יום־טוב, מאָרגן איז מײַן געבוירן־טאָג, אַ סך געסט קלײַבן זיך קומען צו מיר, און איך — אוי וויי — שטיי נאַקעט... ווי אַזוי וועל איך זיי אויפֿנעמען?

אַ גאַנצן טאָג שטייט דאָס ביימעלע אין זאָרג, און אַז ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, שטייט עס און טראַכט:

„וואָס וועט זײַן מאָרגן?"

אַלע ביימער אַרום און אַרום זענען פֿאַרטיפֿט אין אַ שטאַרקן שלאָף, נאָר זי אַליין שטייט — אויגן אָפֿן, קען ניט שלאָפֿן...

האַלבע נאַכט האָט זיך דער הימל־טויער אויפֿגעמאַכט, און אַ מלאָך איז דערשינען, געפֿלויגן גלײַך צו דער שקדיה און אויסגעשריען:

— גוטן אָוונט, ביימעלע! פֿאַר וואָס שלאָפֿסטו ניט? וואָס זאָרגסטו זיך?

ענטפֿערט דאָס ביימעלע:

— ווי קען איך רואיק שלאָפֿן, ווי זאָל איך זיך ניט זאָרגן? מאָרגן איז מײַן געבוירן־טאָג, פֿיל געסט ווען קומען צו מיר, און איך בין הויל און נאַקעט...

שמייכלט דער מלאָך און זאָגט:

— נאָר ניט געזאָרגט, ביימעלע, האָב ניט קיין לײַד; מאָרגן וועסטו האָבן אַ נײַ קלייד!

— אין אמתן? — פֿרעגט שקדיה.

— יאָ, יאָ! — ענטפֿערט דער מלאָך. — דו ביסט נאָך יונג און ווייסט נאָך ניט, אַז ווי נאָר ס׳קומט אָן טו־בשבט, דער געבוירן־טאָג פֿון אַלע מאַנדלביימער, אַזוי קריגן זיי אַלע ווײַס־ראָזע קליידער!

— און איך אויכעט? — פֿרעגט ווײַטער דאָס מאַנדל־ביימעלע ווי פֿאַרשעמט.

— יאָ, יאָ! — שמייכלט דער מלאָך. — אָבער איצט מוזסטו אײַנשלאָפֿן, כּדי דו זאָלסט אויפֿשטיין גאַנץ פֿרי פֿריש און לעבעדיק.

אַ גוטע נאַכט!

און דער מלאָך האָט געגלעט דאָס ביימעלע ביז עס איז אײַנגעשלאָפֿן.

און ווען עס איז אײַנגעשלאָפֿן, האָט דער מלאָך ווײַטער געגלעט און געקושט יעדן צווײַג, יעדן גליד, און גלײַך האָבן גענומען אַרויסשפּראָצן צאַרטע, שיינע, ווײַס־ראָזע בלימעלעך, הונדערטער, טויזנטער, וואו אַ גלעט — אַ בלימעלע, וואו אַ קוש — אַ בלימעלע, גאָר אָן אַ צאָל.

⁂

א ו נ ט ע ר ן ט י י ט ל ב ו י ם

גאַנץ פֿרי האָט זיך שקדיה אויפֿגעכאַפּט און האָט זיך אַליין ניט דערקענט. זי איז געווען באַדעקט מיט הונדערטער טויזנטער בלי־בלומען, ווי ווײַס־ראָזע שמעטערלינגען.

די ביימער אַרום און אַרום האָבן אָנגעהויבן זי באַגריסן.

איין בוים: זײַ געבענטשט, שקדיה!

אַ צווייטער: ליב דיר צו דײַן געבוירן־טאָג!

אַ דריטער: מיט גליק זאָלסטו בליען!

און אַלע צוזאַמען:

— ווי שיין איז דײַן קלייד, שקדיה! טראָג עס געזונטער־הייד!

⁂

מיט אַ מאָל איז אָנגעפֿלויגן אַ שערענגע פֿייגעלעך, גע־קלאַפּט מיט די פֿליגעלעך, געקנאַקט מיט די פּיסקעלעך:

— צי־צי־צווי! צי־צי־צווי!

וואַקס און בלי! וואַקס און בלי!

און אַ גרויסע מחנה בינען האָט באַדעקט אַלע צווײַגן און געזויגן דעם זאַפֿט פֿון דער בליאונג און געזשומעט:

— ז... ז... ז..! זעט אַ שיין ביימעלע! זעט אַ שיין קליידעלע! זעט אַ שיין בלימעלע!

און אויך דני מיט זײַנע חברים זענען געקומען, האָבן אַרומגערינגלט דאָס ביימעלע, האַנט צו האַנט אַלע בײַנאַנד געמאַכט אַ ראָד און געטאַנצט און געזונגען:

זײַ געבענטשט, שקדיה!
זײַ געבענטשט, מאַנדלביימעלע!

שקדיהס געבוירנטאָג

זאָל רעגן אויף דיר גיסן,
זאָל טוי אויף דיר פֿליסן,
זאָלסט צײַטיק מאַכן מאַנדעלעך
פֿאַר די קליינע קינדערלעך!

פינף אין איין זעקל

א

אַ קליין זעקעלע / האָט זיך אָפּגעריסן פֿונעם טשוועקעלע, / געפֿלויגן הענדום־פּענדום אָן אַ שטעג, / און איז אַראָפּגעפֿאַלן אין מיטן וועג.

קומט אַ געלער מאַנדל און קלאַפּט אָן:

„טוק־טוק־טעקעלע! / ווער איז דאָרט אין זעקעלע?"

קיינער האָט ניט געענטפֿערט. איז ער אַרײַנגעשפּרונגען טיף־טיף אין זעקעלע.

ב

קומט אַ רויטער טייטל און קלאַפּט אָן:
„טוק־טוק־טעקעלע! / ווער איז דאָרט אין זעקעלע?"
„איך, מאַנדל־מאַנדלבערג! און ווער ביסטו?"
„איך בין טייטל־טייטלמאַן! מ׳קען אַרײַן?"
„פֿאַר וואָס נישט?"
שפּרינגט ער אַרײַן טיף אין זעקעלע.

ג

קומט אַ ברוינער, לאַנגער באָקסער און קלאַפּט אָן:
„טוק־טוק־טעקעלע! / ווער איז דאָרט אין זעקעלע?"
„איך, מאַנדל־מאַנדלבערג!"

„איך, טייטל־טייטלמאַן! און ווער ביסטו?"
„איך בין באָקסער־באָקסערזאָן! מען קען אַרײַן?"
„געוויס!"
שפּרינגט ער אויך אַרײַן אין זעקעלע.

ד

קומט אַ קײַלעכדיקע פּײַג און קלאַפּט אָן:
„טוק־טוק־טעקעלע! / ווער איז דאָרט אין זעקעלע?"
„איך, מאַנדל־מאַנדלבערג!"
„איך טייטל־טייטלמאַן!"
„איך באָקסער־באָקסערזאָן! און ווער ביסטו?"
„איך בין פּײַג־פּײַגנבוים! מ'קען אַרײַן?"
„מיט גרויס פאַרגעניגן!"
שפּרינגט ער אויך אַרײַן אין זעקעלע.

ה

קומט אָן דער בײַכיקער מאַראַנץ און קלאַפּט אָן:
„טוק־טוק־טעקעלע! / ווער איז דאָרט אין זעקעלע?"
„איך מאַנדל־מאַנדלבערג!"
„איך טייטל־טייטלמאַן!"
„איך, באָקסער־באָקסערזאָן!"
„איך, פּײַג־פּײַגנבוים! און ווער ביסטו?"
„איך בין מאַראַנץ־פּאָמעראַנץ! מען קען אַרײַן?"
„מיט פאַרגעניגן!"
שפּרינגט ער אויך אַרײַן, און דאָס זעקעלע ווערט פול.

אונטערן טייטלבוים

גאַנץ פֿרי איז אויפֿגעשטאַנען שלמהלע, / און איז אַרויס אין גאָרטן פֿלאַנצן אַ ביימעלע; ווײַל חמישה עשׂר, „ט״ו בשבט״ איז דאָך הײַנט! / און אַ ווינטעלע בלאָזט און די זון שײַנט.

האָט שלמהלע געפֿונען דאָס זעקעלע, / און אויפֿגעגעסן דאָס גאַנצע פּעקעלע.



פורים

אַז דער חודש אָדר קומט צו גיין...

א

ווען חודש אָדר האָט באַדאַרפֿט אַרויס אויף דער וועלט, האָט ער זיך פֿאַרשטעלט: ער האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זײַנע פּלייצעס אַ ברייטע פֿישנעץ ווי אַ פּעלערינע, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קרענצל פֿון לעבעדיקע, צאַפּלדיקע גילדערנע פֿישעלעך.

צום ערשטן האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר פֿונעם קינדער־גאָרטן:

„קליפּ־קלאַפּ, עפֿנט מיר!"

ווי נאָר די קינדערלעך האָבן אים דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען:

פֿישעלעך קלייניקע,
פֿישעלעך שייניקע, —
קעגן דער זון גלאַנצן זיי, —
טאָג און נאַכט טאַנצן זיי!

די קינדערלעך גלעטן די גילדערנע פֿישעלעך, און חודש אָדר גלעט די קליינע קינדערלעך:

קינדערלעך קלייניקע,
קינדערלעך שייניקע, —
נעזעלעך ברעקעלעך,
ראָזעווע בעקעלעך!

נאָכדעם רופֿט אָדר אויס:

„זײַט גרייט, קינדער, דער פּורים קומט באַלד. האָט איר זיך שוין אויסגעלערנט פּורים־לידער?"

— „יאָ, יאָ!" — ענטפֿערן די קינדער.

— „און דאָס מאַסקע־ליד קענט איר?"

—„יאָ, יאָ! דאָס מאַסקע־ליד און אויך דאָס ליד פֿונעם גראַגער, און אויך אַן אַחשורוש־שפּיל!"

— „אַנו, לאָמיר הערן!"

עפֿענען די קינדער פּיסקעלעך און הייבן אָן זינגען:

הײַנט איז פּורים, קלאַפּט און טראַסקעט,
לאָמיר זיך ניט שעמען!
וואו אַ פּנים — דאַרט אַ מאַסקע,
מ׳וועט אונדז נישט דערקענען!

פֿריילעך, קינדער, ניט געזאָרגט,
פּורים דאַרף מען רעשן.
מיט דעם גראַגער ווער עס גראַגערט —
וועט עסן המן־טאַשן!

ב

אָדר איז פֿריילעך אַרויס פֿונעם קינדער־גאָרטן און האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פֿון דער שול:

— „באַם־באַם! טאַם־טאַ־ראַ־ראַם, עפֿנט!"

— „ער איז דאָ! ער איז דאָ, דער פֿישער מיט דער נעץ!"

— האָבן די קינדער גענומען שרײַען — „שלום־עליכם!"

— „שלום־עליכם — עליכם שלום!" — ענטפֿערט אָדר, — „איר מיינט אפֿשר, אַז איך בין געקומען כאַפּן פֿיש? ניין! איך בין געקומען אײַך דערמאָנען, אויב איר האָט פֿאַרגעסן, אַז אָט־אָט קומט פּורים".

— „וואָס?" — האָבן זיך די קינדער באַליידיקט, — „אַזאַ זאַך פֿאַרגעסט מען ניט!"

— „זייט מוחל! — פֿאַרענטפֿערט זיך חודש אָדר, — כ'מיין, די מגילה האָט איר שוין געלערנט?"

לאָכן די קינדער:

— „מיר געדענקען די מגילה נאָך פֿון פֿאַראַיאָרן!"

— „פֿאַראַיאָרן — איז פֿאַרלאָרן... איר דאַרפֿט איבערחזרן די מגילה יעדער יאָר".

— „גוט! גוט!" — ענטפֿערן די קינדער.

— „גוט! גוט! — איז באַלד, אין דער מינוט!..."

— „מאָרגן!" — שרײַען די קינדער.

— „מאָרגן — זאָל זיך אָן אַנדערער זאָרגן... נאָך הײַנט דאַרפֿט איר איבערחזרן די מגילה, און ניט אָפּלייגן".

און ער איז אַוועק ווײַטער.

ג

גייט אָדר און קומט אָן אין אַ בעקערײַ. די טיר איז געווען אָפֿן, האָט ער נישט באַדאַרפֿט קלאַפּן. זעט ער אַז אַלע זײַנען אָנגעטאָן אין ווײַסן, די אַרבל פֿאַרקאַטשעט, און די אַרבעט ברענט:

איינער זיפּט מעל מיט אַ זיפּ; אַ צווייטער קנעט טייג אין אַ מולטער; אַ דריטער פֿלעכט פֿלעכטלעך ווי צעפּעלעך; אַ

פּערטער מאַכט שוים פֿון אייער־ווײַסלעך; אַ פֿינפֿטער מישט געלעכלעך מיט צוקער און אַ זעקסטער באַפּוצט דאָס געבעקס.

אַלע הענט אַרבעטן, די פֿינגער שפּרינגען און די מײַלער זינגען:

זינגען מיר, לויבן מיר
שושנת יעקב!
זינגען מיר, לויבן מיר
שושנת יעקב!

האָט אָדר שוין ניט געהאַט וואָס צו פֿרעגן, אָבער ער האָט געפֿונען וואָס צו זאָגן:

— „פֿאַרגעסט ניט אַרײַנצוטאָן זאַפֿראַן אין טייג! געדענקט אַרײַנקנאַקן ניסלעך און מאַנדלען און פּיסטאַשקעס!"

— „וואָס נאָך?" — פֿרעגן אַלע — „וואָס נאָך?"

— „די בייגל זאָל זײַן מיט אַ לאָך!"

און אָדר לאָזט זיך גיין. בײַ דער טיר שטעלט ער זיך אָפּ און שרײַט אויס:

— „כ'האָב גאָר פֿאַרגעסן: המן־טאַשן! המן־טאַשן!"

און פֿון יענער זײַט טיר:

— „וואָס מ'קען זיי עסן נישט געוואַשן!..."

ד

פֿון בעקערײַ איז ער אַוועק צו דער בלעכערײַ.

—„אַ גוטן טאָג, הער בלעכער!"

הייבט אויף דער בלעכער אַ פּאָר תמעוואַטע אויגן, ער זעט דעם פּישער, וואַרט ער אַ ווײַלע און זאָגט:

— „אַ גוטן טאָג — אַ גוט יאָר. מען בעט זיצן."
— „כ'האָב קיין צײַט ניט צו זיצן", — ענטפֿערט אָדר — „כ'בין געקומען באַשטעלן אַ..."
— „אַן עמער!" — שלאָגט איבער דער בלעכער.
— „ניין, אַ..."
— „אַ פֿענדל? אַ ריבאײַזן?"
— „אַ בלעכער אַ קרעכער!" — בייזערט זיך אָדר, — „וואָס מיינט איר איבערלאָזן יידישע קינדער אָן גראַגערס?"
— „אַ!" — האָט זיך דער בלעכער אַ כאַפּ געטאָן בײַם קאָפּ — „באמת, גאָר פֿאַרגעסן".
נעמט אַראָפּ דער בלעכער די האַנט פֿונעם קאָפּ און שטעלט אַוועק אַ פֿראַגע:
— „וויפֿל?"
— „וואָס הייסט וויפֿל? — ברוגזט זיך אָדר — וויפֿל קינדער — אַזוי פֿיל גראַגערס".
— „אַ!" — זאָגט דער בלעכער — „איר זײַט גערעכט".
— „אַבי גערעכט!" — זאָגט אָדר — „זײַט וויסן, אַז די רעדלעך פֿון די גראַגערס דאַרפֿן האָבן צען ציינער, אַנטקעגן המנס צען בנים!"
— „און המן אַליין?" — שטעלט זיך אַוועק דער בלעכער.
— „מאַכט טאַקע עלף!.."
אָדר שמייכלט און לאָזט זיך גיין.

ה

צום לעצטנס איז אָדר אַרײַן אין געשעפֿט פֿון אסתּר־רחל

די קרעמערקע. טרעפֿט ער זי ווי זי שטייט און וועגט עפּעס אויף דער וואָגשאָל.

שטעלט ער זיך אויפֿן שוועל און רופֿט:

— „וואָס הייסט, פּורים אָן מאַסקעס?"

— „ווײ איז מיר געשען!" — גיט אסתּר־רחל אַ געשריי — „גוט וואָס איר האָט מיך דערמאָנט. אָט לויף איך באַשטעלן מאַסקעס".

—„טאָ באַשטעלט טאַקע מאַסקעס פֿון אַלערליי סאָרטן: מיט לאַנגע ווײַסע בערד, מיט גרויסע וואָנצעס, מאַסקעס פֿון נעגער און כינעזער, פֿון ציגײַנער מיט ווײַסע ציין און לאַנגע נעזער".

— „איר קענט זיך שוין פֿאַרלאָזן אויף מיר!" — ענטפֿערט אסתּר־רחל און איז שטאָלץ בײַ זיך.

און ס'איז טאַקע געוואָרן פּורימדיק. אַלע זאָגן און אַלע רעדן:

אַז אָדר קומט אַרײַן,
דאַרפֿן ייִדן פֿריילעך זײַן!

ס'זײַנען אַריבער דרײַ טעג, האָט מען שוין געהערט פּורים־לידער אין יעדער שטוב;

ס'זײַנען אַריבער נאָך דרײַ טעג, האָט מען שוין געהערט גראַגערן אין אַלע גאַסן;

און אַז ס'זײַנען אַריבער נאָך דרײַ טעג, האָבן זיך שוין באַוויזן די מאַסקעס אין שטאָט.

איז געוואָרן לעבעדיק און פֿריילעך.

און ווען פּורים איז אָנגעקומען, האָט מען געמאַכט אַ

אַז דער חודש אָדר קומט צו גיין...

גרויסן פּאַראַד, און אַ גאַנצער קאַרניוואַל איז אַרויס אים מקבל פּנים זײַן מיט געזאַנג און מיט טענץ:

הײַנט איז פּורים, האַקט און טראַסקעט,
לאָמיר זיך ניט שעמען!
וואו אַ פּנים — דאָרט אַ מאַסקע,
מ׳וועט אונדז נישט דערקענען!

אָפּגענאַרט די באָבע

שײַקע האָט שטאַרק ליב זײַן זיידן און באָבען. שבת און יום־טוב קומט ער זיי באַזוכן. שײַקע איז אַ שטיקל לץ, קרימט נאָך און מאַכט נאָך יעדן איינעם, אויך ווי די באָבע קרעכצט און דער זיידע הוסט. די באָבע שמייכלט אונטער, רופט אים „קאָמעדיאַנט" און טיילט אים נאַשערײַען. דער זיידע, תּמיד אַ פֿריילעכער, לאַכט און האָט הנאה פֿון זײַנע שטיק.

שײַקע איז אַלט זיבן יאָר, און דער זיידע — זיבן און זיבעציק יאָר. אָבער זיי זײַנען ביידע איין גרייס.

פֿאַר פּורים האָט זיך דער זיידע מיטן אייניקל אָפּגערעדט ווי אַזוי שײַקע זאָל זיך פֿאַרשטעלן אויף פּורים און אָפּנאַרן די באָבע.

פּורים נעמט שײַקע און טוט אָן דעם זיידנס קאַפּאָטע מיט זײַן יום־טובדיקן הוט, ער קלעפּט זיך צו אַ גרוי בערדל, פֿאַרבט אָפּ אַ ביסל דאָס פּנים, נעמט אַ שטעקל אין האַנט און גייט און קלאַפּט אָן אין זיידנס וואוינונג.

— „ווער איז דאָרט ?" — פֿרעגט די באָבע פֿון דער קיך.

— „איך !" — ענטפֿערט שײַקע און טוט אַ הוסט, פּונקט ווי דער זיידע.

די באָבע עפֿנט די טיר און לויפֿט צוריק אין קיך.

— „אַ גוט פּורים, באָבע !" — רופֿט שײַקע אויס, מיטן זיידנס קול.

— „אַ גוט פורים, — אַ גוט יאָר!" — ענטפערט די באָבע פון דער ווייטן — „קענסט זיך זעצן צום טיש, דאָס עסן איז שוין פאַרטיק".

שייקע הוסט נאָך אַ מאָל, זעצט זיך צום טיש און זינגט זיך אונטער אַ ניגונדל, דעם זיידנס ניגונדל.

די באָבע, שטאַרק פאַרנומען און עפּעס פאַרקלערט, דערלאַנגט צום טיש אַ פלעשל ווײַן און רעדט ווי צו זיך אַליין:

—„וואו איז שייקע? פאַר וואָס איז ער נאָך ניט געקומען?"

— „ער וועט מן־הסתּם באַלד קומען". — ענטפערט שייקע און זינגט ווײַטער דעם זיידנס ניגונדל.

די באָבע קומט מיט אַ טעלער המן־טאַשן, שטעלט אַוועק און זעצט זיך בײַ דעם צווייטן עק טיש, זי נעמט און ווישט מיט אַ טיכל די אויגן.

דערווײַל עפנט זיך די טיר און דער זיידע קומט אַרײַן.

— „אַ גוט פורים, באָבע!"

די באָבע כאַפּט זיך אויף פונעם בענקל אַ דערשראָקענע, קוקט אַ ווײַלע אויף ביידע זיידעס, דערקענט שייקען, גיט זי אַ פליעסקע מיט די הענט:

— „אַלע בייזע חלומות אויף המנס קאָפּ!"

— „אָמן!" — ענטפערן זיידע און שייקע צוזאַמען און האַלטן אין איין לאַכן.

דערווײַל זיינען אָנגעקומען שייקעס טאַטע־מאַמע. האָט מען ווײַטער געלאַכט.

פונדעסטוועגן איז די באָבע געווען אַ ביסל ברוגזדיק, ניט אויף שייקען, נאָר אויפן זיידן.

אונטערן טייטלבוים

— „ס׳טײַטש, אַ זיידע זאָל זיך נאַריש מאַכן ווי אַ קליין ייִנגל!״

האָט מען ווײַטער געלאַכט.

גוטע בשורות אויף פורים

קומט, קינדער, שטעלט זיך אַוועק אין איין שורה. / איך בין געקומען אָנזאָגן אײַך אַ גוטע בשורה! / ס'איז ניט קײַן שפּאַס אָדער אַ חלום — / „אויף דער גאַנצער וועלט איז געוואָרן שלום!" / הונדערט און זיבן און צוואַנציק גלעקער קלינגען, / אין אַלע ראַדיאָס האַלט מען אין איין זינגען, / אַ שמחה, אַ פרייד אויף דער גאַנצער וועלט! / יעדער פאָלק לעבט ווי אים געפעלט, / אויס קריגערײַ, שלעגערײַ, און אַ שווערער קוליק, / און צווישן אַלע פעלקער פרייט זיך אויך ישראליק.

וועט איר דאָך פרעגן מסתמא: / אויב ס'וועט שוין ניט זײַן קײַן מלחמה מער — / וואָס וועט מען טאָן מיטן געווער: / שיפן, טאַנקען, קאַנאָנען, / און נאָך אַזוינע זאַכן וואָס כ'וויל זיי ניט דערמאָנען? / וועל איך אײַך זאָגן: / די שיפן וועלן פירן, טראָגן / יידישע קינדער מיט די עלטערן צוזאַמען / איבער ברייטע טײַכן און גרויסע ימען / צו זייער היים, זייער אייגענער מדינה. — / און פון יעדן טאַנק וועט מען מאַכן אַ מאַשינע, / און פון שווערדן, ביקסן און נאָך אַזעלכע זאַכן / וועט מען אַקערס מאַכן / און קיך־געשיר, / ווי עס שטייט אין ישעיה, קאַפּיטל צוויי, פסוק פיר.

און וואָס וועט זײַן מיט די קופּערנע קנעפּלעך? / מיט די

סאָלדאַטסקע היטלען און שינעלן? / פֿאַרלאָזט זיך אויף ייִדישע קעפּלעך! / לכבוד פּורים דאַרף מען זיך פֿאַרשטעלן... / ווער פֿאַר אַ גענעראַל, פֿאַר אַ קאַפּיטאַן אָדער פֿאַר אַ פּשוטן סאָלדאַט. / ווײַל פּורים וועט דאָך אויף אייביק אַ פֿריילעכער יום־טוב בלײַבן, / אַזוי האָט מרדכי הצדיק געהייסן אין דער מגילה שרײַבן...

וואָס זשע וועט זײַן מיט די עראָפּלאַנען? / איך האָב פֿאַר זיי גאָר שיינע פּלאַנען: / זיי וועלן פֿליען איבער די דעכער, זשומען און רעשן, / און וואַרפֿן פֿון אויבן המן־טאַשן. / מיט מאַנדעלעך, פֿאַרפֿל און פֿלאָדן. / אַפֿילו פּשוטע ביקסן וועלן אויפֿן פּורים־פּאַראַד שיסן לעקעכלעך, וואַפֿלעס און שאָקאָלאַד. / אויך דער קאַראַק־רעוואָלווער, ווי קליין ער זאָל ניט זײַן / וועט שיסן באָבל־גאָבל און טאַקע גלײַך אין מויל אַרײַן!

דאַרפֿט איר זיך טאַקע פֿרייען: קינדער, מענער און דאַמען! / ס׳איז אַלצדינג אמת, כאָטש איך רעד מיט גראַמען!..

פסח

פעלד־קינדער

ווער האָט אַזוינס געזען, ווער האָט אַזוינס געהערט, אַז קינדער זאָלן אַרויסשפּראָצן פון דער ערד ווי גראָז אויף אַ פעלד?

און די גוטע זון זאָל שיקן אירע גילדערנע שטראַלן אויף זייערע קעפּעלעך, און הימל־טוי זאָל אויף זיי טריפן מיט פערל־טראָפּנס?

און זינג־פייגעלעך זאָלן זיי פרייילעכע לידער זינגען און שמעטערלינגען זאָלן פלאַטערן איבער זיי אַרום און אַרום?

און אַ לייַכט ווינטעלע זאָל קרייַזלען זייערע האָר, און מלאָכים זאָלן זיי באַדעקן מיט זייערע פליגל און פאַרוויגן זיי מיט וויג־לידער?

***

א. עפּל־פעלד

אַ גרויס, ברייט פעלד איז געווען אויסגעשפּרייט ניט ווייַט פון גושן אין לאַנד מצרים. דאָס פעלד איז געווען באַוואָקסן מיט הויכע, פעטע גראָזן און מיט פיל עפּל־ביימער, גרויסע צווייַגענדיקע ביימער.

אין שאָטן פון די עפּל־ביימער זייַנען געזעסן ייִדישע פאָס־טעכטער, געטרילט אויף פייַפעלעך און אַרום און אַרום האָבן

זיך געפּאַשעט די שאָף: געראַויטלטע, געפּינטלטע און געפּלעק־טע — ווי בלומען צווישן גראָזן.

איז אָבער אין מצרים אויפגעשטאַנען אַ נײַער מלך, אַ רשע, האָט ער געצוואונגען די ייִדישע פּאַסטעכער איבערצולאָזן די שאָף און אַרבעטן שווערע אַרבעט מיט ליים און ציגל. און דער מלך, דער רשע, האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל: „יעדער ייִנגעלע וואָס וועט געבוירן ווערן בײַ ייִדן, זאָל מען אים אין טײַך אַרײַנוואַרפֿן!"

די ייִדישע מאַמעס האָבן נישט געפֿאָלגט דעם רשע; זיי האָבן באַהאַלטן זייערע פֿריש־געבוירענע ייִנגלעך; יעדע נאַכט, ווען ס'איז געוואָרן שטאַרק פֿינצטער, האָבן ייִדישע מאַמעס געבלאָנדזשעט איבער וועג און שטעג צום עפּל־פֿעלד, דאָרט האָבן זיי אַנידערגעלייגט זייערע קליינינקע נײַ־געבוירענע ייִנגעלעך בײַ די וואָרצלען פֿון די ביימער, און געבעטן:

עפּל־בוים, עפּל־בוים —
ווײַ איז מיר און ווינד! —
ווי דו היטסט דײַנע עפּעלעך,
היט אָפּ מײַן קינד!

און ווען דער טוי איז געפֿאַלן און באַפּוצט דאָס גראָז מיט פּערעלעך, האָבן די מאַמעס געוויינט:

גרעזעלעך, פּערעלעך —
ווײַ איז מיר און ווינד! —
פֿון היץ און פֿון קעלט
היט אָפּ מײַן קינד!

און ווען דער מאָרגנשטערן האָט זיך באַוויזן און די פֿייגעלעך האָבן אָנגעהויבן צו זינגען, האָבן די מאַמעס געקלאָגט:

— פֿייגעלעך זינגענדיקע
— ווי איז מיר און ווינד!
זינגט פֿריילעכע לידעלעך,
פֿאַרשלעפּערט מײַן קינד!

ב. אין וויגעלע-גריבעלע

די עפּל-ביימער האָבן אַכטונג געגעבן אויף די קלייניגקע ייִנגעלעך, די גראָזן האָבן זיי פֿאַרבאָרגן, און פֿון הימל זײַנען אַראָפּגעפֿלויגן מלאָכים מיט לויטערע אויגן, מיט קלאָרע פֿליגל, אַ מלאָך צו יעדן קינד, אַ מלאָך צו יעדן קינד, זיי האָבן געגלעט די קינדערס קעפּעלעך — זײַנען אויסגעוואָקסן בײַ די קינדער זייער לאַנגע האָר, ווייכע זײַדענע האָר, וואָס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן קערפּער. זיי האָבן געגעבן יעדן קינד אין יעדן הענטל אַ שטיינדעלע, איינס אַ מילכשטיינדל און איינס אַ האָניקשטיינדל. נאָכדעם האָבן זיי אויסגעגראָבן לעבן וואָרצל פֿון עפּל-בוים אַ גריבעלע, און עס אויסגעבעט מיט גראָז —

ווי אַ מאַמע בעט אויס פֿאַר איר קינד;
אַרײַנגעלייגט די קינדערלעך אין די גריבעלעך —
ווי אַ מאַמע לייגט איר קינד אין וויגעלע;
און געזונגען האַרציקע לידער —
ווי אַ מאַמע פֿאַרוויגט איר קינד.
זיי האָבן געזונגען:

שלאָף, מײַן קינד, שלאָף!
שלאָף רואיק, קלײנינקער,
מאַך צו די אייגעלעך, שײנינקער!

שלאָף, מײַן קינד, שלאָף!
ס'וועט קומען אַ טאָג אַ וויכטיקער,
ס'וועט שײַנען אַ זון אַ ליכטיקע!

שלאָף, מײַן קינד, שלאָף!
אין גיכן וועט קומען דער באַפרײַער,
איר וועט זײַן אַ דור אַ נײַער!

ג. אין קינדער־גאָרטן

רואיק זײַנען געשלאָפן די קלײנינקע ייִנגעלעך אין די פּינצטערע וויגעלעך, געזויגן מילך פונעם מילכשטײנדל, געזויגן האָניק פונעם האָניקשטײנדל, רואיק זײַנען זיי געשלאָפן און געחלומט אויפן ליכטיקן טאָג.

איין מאָל, אין אַ שײנעם פרימאָרגן, איז אַרויס אויפן הימל אַ גרויסע, ליכטיקע זון, וואָס האָט געשײַנט זיבן מאָל שענער ווי שטענדיק, און האָט פאַרשפּרייט שטראַלן אויפן עפּל־פעלד, וואַרעמע, זיסע שטראַלן, אַ שטראַל צו יעדן קינד, אַ שטראַל צו יעדן קינד.

האָט זיך די ערד צעשפּאָלטן און קלײנע קעפּעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן פון דער ערד ווי שײנע בלימעלעך. אין איין אויגנבליק איז דאָס גאַנצע פעלד פול געוואָרן מיט קינדערלעך, ווי אַ גרויסער־גרויסער קינדער־גאָרטן.

האָבן די קינדער אויפגעהויבן זייערע אויגן צו דער זון און געפרעגט:

— וואָס איז אַזוינס געשען, זון טײַערע, וואָס דו שײַנסט הײַנט אַזוי ליכטיק?

ענטפערט די זון:

— הײַנט איז דער ערשטער פרילינג-טאָג; זײַט וויסן, אַז אין דעם פרילינג-חודש וועט קומען דער באַפרײַער און וועט אײַך אַרויספירן פון מצרים!

פרעגן די קינדער:

— איז דאָס דער טאָג וואָס די מלאָכים האָבן געזונגען: „ס'וועט קומען אַ טאָג אַ וויכטיקער"?

— אין גיכן! אין גיכן וועט דער טאָג קומען. — ענטפערט די זון.

איז געוואָרן אַ גרויסע פרייד: די פעלד-קינדער, די פעלד-בלומען, די פעלד-פייגעלעך — אַלע, אַלע זײַנען געוואָרן פריילעך.

ד. דער וויכטיקער טאָג

דער געוואונטשטער טאָג איז געקומען.

די זון האָט פלאַמענדיק געשײַנט און געזאָגט:

— פרעה, דער מצרישער מלך האָט אַ שווער-שלעכט האַרץ, ער וויל ניט באַפרײַען די ייִדן; איך וועל מײַן שײַן צו-נעמען פון מצרים און אים לאָזן אין דער פינצטערניש דרײַ טעג און דרײַ נעכט.

און אַזוי האָט די זון געטאָן: דרײַ טעג האָט זי איר גאַנצע

שײַן אַוועקגעשענקט פֿאַר די ייִדישע קינדער אין עפּל־פֿעלד.

די זון האָט אַזוי געזאָגט:

— טײַערע וואונדערלעכע קינדער! לאַנג זײַט איר געלעגן אין פֿינצטערע בעטעלעך, פֿיל טעג האָט איר מײַן שײַן נישט געזען; דער שלעכטער פּרעה האָט אַוועקגערויבט דאָס ליכט פֿון אײַך, איצט אָבער וועל איך אײַך אָפּגעבן אײַער חוב, כ׳וועל אײַך באַלײַכטן זיבן מאָל מערער.

די קינדער האָבן פֿריילעך געענטפֿערט:

— טײַערע, גוטע, ליכטיקע זון! מיר האָבן אין דער פֿינצ־טערניש געחלומט פֿון דײַן שײַן; מיר בענקען נאָך דײַן שײַן, מיר האָבן ליב דײַן ליכט!

האָט די זון פֿאַרשײַנט דאָס פֿעלד; קוואַלן פֿון שטראַלן האָבן פֿאַרפֿלייצט דאָס פֿעלד; די קינדער האָבן זיך געבאָדן אין ליכט, זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן, זיך געשטעלט אויף די פֿיס און אָנגעהויבן וואַקסן גרעסער און העכער — אָט זײַנען זיי שוין בחורים הויך און שיין ווי טייטלביימער, שטאַרק און בראַוו — אַ גרויסע אַרמיי פֿון העלדן שטייט גרייט און וואַרט אויפֿן באַפֿרײַער.

און דער באַפֿרײַער איז געקומען.

האַלבע נאַכט איז דאָס געווען.

משה דער באַפֿרײַער איז געקומען און גערופֿן:

— שטייט אויף, פֿרײַע קינדער! וואָס איר זענט נישט געווען קײַן קנעכט בײַ פּרעהן, וואָס איר האָט נישט געפּילט זײַן שווע־רע האַנט, וואָס איר האָט נישט געקנאָטן קײַן ליים און ציגל — שטייט אויף און גייט פֿאַרויס פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק!

— מיר גייען! מיר גייען! — האָבן זיי אַלע אויסגעשריגן מיט איין קול.

און מיט מוט און מיט שטאָלץ, מיט גרויס געזאַנג האָבן זיי געשפּאַנט צום טויער פֿון מצרים, און דאָס גאַנצע פֿאָלק בני־ישראל איז נאָכגעגאַנגען נאָך זיי מיט אויפֿגעהויבענע קעפּ!



חד־גדיאַ האָט זיך אומגעקערט אַהיים

א

דאָרט־דאָרט, אין שיינעם וואונדערלאַנד, אויף אַ הויכן באַרג, צווישן גרינע פֿעלדער, האָט חד־גדיאַ, דאָס ציגעלע, זיך אויסגעבויט אַ הײַזעלע.

גאַנץ פֿרי פֿלעגט זי אַרויסגיין אויפֿן פֿרײַען פֿעלד, זיך פּאַשען ווען און וואו איר געפֿעלט, און פֿאַרנאַכט, אַ זאַטע, האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים.

און סײַ ווען זי איז אַרויס, און סײַ ווען זי איז אַרײַן אין הײַזעלע — האָט זי קיינמאָל ניט פֿאַרשלאָסן דאָס טירעלע.

אַזוי האָט זי זיך געלעבט שטיל, רואיק.

ב

איין מאָל האָט חד־גדיאַ פֿאַרבלאָנדזשעט און פֿאַרקראָכן גאָר ווײַט־ווײַט אויף פֿרעמדע פֿעלדער.

איז געקומען אַ וואָלף, פֿאַרכאַפּט דאָס קליינע הײַזעלע און אויפֿגעהאַנגען אַ גרויסן שלאָס אויפֿן טירעלע.

אַ צײַט האָט חד־גדיאַ געוואָגלט אין דער פֿרעמד, געליטן הונגער, אויסגעשטאַנען קעלט, און מיט אַ מאָל האָט זי באַשטימט זיך אומצוקערן אַהיים צו איר געבוירנלאַנד, צום הויכן באַרג און די גרינע פֿעלדער.

ג

גֿייט חד־גדיאָ, גייט און קומט ביז צו דער גרענעץ. שפּרינגט אַרויס אַנטקעגן איר אַ ווילדע קאַץ, און גיט איר אין פּנים אַ קראַץ:

„מיאַו, מיאַו, חד־גדיאַו! וואָס מיינסטו, און וואוהין גייסטו?

דער בייזער וואָלף האָט פֿאַרכאַפּט דײַן דירהלע, אַ גרויסן שלאָס אויפֿגעהאַנגען אויפֿן טירעלע, מיך האָט ער אַוועקגעשטעלט בײַ דער גרענעץ דיך ניט לאָזן קומען צוריק."

חד־גדיאָ — אָט ווי זי איז קליין — האָט זי הערנער גרויסע. גיט זי אַ שטויס מיט די הערנער, האָט זיך די קאַץ איבערגעקערט איין מאָל און צוויי מאָל — און אַנטלאָפֿן.

ד

ווײַטער גייט חד־גדיאָ איבער פֿעלדער און וועלדער. לויפֿט אַרויס קעגן איר אַ שלעכטער הונט, שעלט און בילט:

„האַו, האַו, חד־גדיאַו! וואָס ווילסטו, וואוהין גייסטו?

דער בייזער וואָלף האָט פֿאַרכאַפּט דײַן דירהלע, אַ גרויסן שלאָס אויפֿגעהאַנגען אויפֿן טירעלע, און מיך האָט ער געהייסן בילן און בײַסן."

די קליינע חד־גדיאָ האָט אָבער שטאַרקע קאָפּיטעס, האָט זי געטאָן אַ בריקע — האָט זיך דער הונט איבערגעקערט איינס און צוויי און דרײַ מאָל, און איז אַנטלאָפֿן.

ה

גֿייט חד־גדיאָ וואו שטעג און וועג. שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן איר אַ שטעקן — אַ האָלץ, און רופֿט מיט שטאָלץ:

„ניט שטיי, ניט גיי, חד־גדיאָ!
דער בייזער וואָלף האָט פאַרכאַפּט דײַן דירהלע, אַ גרויסן שלאָס אויפגעהאַנגען אויפן טירעלע, און מיך האָט ער אַוועק־געשטעלט דיך שטעכן, שלאָגן און פאַריאָגן!„
נאָך איידער דער שטעקן האָט געשלאָגן, געשטאָכן, האָט חד־גדיאָ גלײַך אויף צווייען אים צעבראָכן.

ו

ווײַטער גייט חד־גדיאָ און שפּאַנט. פּלוצעם שטעלט זיך אַוועק קעגן אים אַ פײַער־וואַנט:
„היט זיך, חד־גדיאָ, ווי פאַר פײַער, אויב דײַן לעבן איז דיר טײַער!
דער בייזער וואָלף האָט פאַרכאַפּט דײַן דירהלע, אַ גרויסן שלאָס אויפגעהאַנגען אויפן טירעלע, און מיך האָט ער אַוועק־געשטעלט און געבאָטן, דיך ברענען און בראָטן!״
האָט חד־גדיאָ אָנגעגראָבן אַ באַרג ערד, און אים פאַרשאָטן.

ז

אַ מידע גייט חד־גדיאָ, קוים זי שלעפּט די פיסלעך, קוים־קאָם. פּלוצעם האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר איר אַ גרויסער ים:
„חד־גדיאָ, דו גייסט אומזיסט! דײַן לאַנד איז פּוסט, דײַן באַרג איז וויסט.
דער בייזער וואָלף האָט פאַרכאַפּט דײַן דירהלע, אַ גרויסן שלאָס אויפגעהאַנגען אויפן טירעלע, און מיך האָט ער פאַר־שפּרייט דיך צו דערטרינקען, מיט מײַנע כוואַליעס דיך פאַר־זינקען!״

חד־גדיאָ — ווי מיד זי איז ניט געווען — אָבער זי ווייסט ניט פון קיין שרעק. קיין זאַך וועט ניט שטערן און זי ניט אָפּהאַלטן אין וועג. האָט זי אויפגעהויבן די אויגן צום הימל — איז איר אויסגעוואָקסן פליגל, גרויס, שיין, אַ פּראַכט, און זי איז אַריבער־געפלויגן דעם ים אין איין נאַכט.

ח

גאַנץ פרי איז חד־גדיאָ צו איר לאַנד געקומען. דעם הויכן באַרג גלייַך געפונען. דאָס דירהלע שטייט ווי עס איז גע־שטאַנען, דעם צאָרנדיקן וואָלף האָט זי פאַרטריבן פון דאַנען, דעם גרויסן שלאָס אָפּגעריסן שנעל —

און חד־גדיאָ שטייט אויף איר אייגענער שוועל.

וואו קאַץ? ווער הונט און שטעקן? נישט פייַער, נישט וואַסער קען שרעקן! אַלץ איז אַריבער ווי אַ בייזער חלום — אַרום און אַרום איז פריד און שלום!

ט

יעדן פרימאָרגן גייט חד־גדיאָ אין פעלד, יעדן אָוונט קומט זי צוריק אין איר געצעלט, און סיי ווען זי גייט אַרויס, און סיי ווען זי גייט אַריַין אין דירהלע, קיינמאָל פאַרשליסט זי ניט דאָס טירעלע, און זי לעבט זיך רואיק, אָן צער און צאָרן.

י

הלוואַי, אויף לאַנגע יאָרן!



עצמאות

נטע פליט קיין אילת

יום העצמאות אין דער פרי האָט זיך נטע אויסגעפּוצט מיט איר יום־טוב׳דיקן קליידעלע און איז אַרויס אין גאַס זיך שפּילן מיט אירע חברטעס.

אין דער הייך האָט זיך דערהערט אַ זשומען: זש... זש... אַן עראָפּלאַן האָט זיך באַוויזן אויפן הימל.

— ס׳איז אונדזערער! אונדזערער! — שרײַען די מיידעלעך און פליעסקען מיט די הענטעלעך.

דער עראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק און האָט אַרויסגעשאָטן אַ מענגע פֿאַרביקע פּאַפּירעלעך וואָס האָבן זיך צעשפּרייט און צעפֿליגן אין דער לופֿטן ווי לעבעדיקע שמעטערלינגען. דאָס זײַנען געווען ווינטש־קאַרטעלעך, וואָס אויף זיי איז געדרוקט די ברכה פֿון דער מדינה פֿאַרן פֿאָלק צום יאָריקן יום העצמאות.

פֿליען די פּאַפּירעלעך און פֿאַלן אויף דעכער, אויף וועראַנדעס, פֿאַרדעקן די וועגן און טראָטואַרן. די מיידעלעך שפּרינגען און כאַפּן די ווינטש־קאַרטעלעך מיט גרויס קוראַזש.

פּלוצעם — טוק! טוק! טוק!

— אַ האָגל! — רופֿן די קינדער.

ס׳איז טאַקע געווען אַ האָגל, אָבער פֿון צוקערקעס און שאָקאָלאַדקעס וואָס דער עראָפּלאַן האָט אַראָפּגעהאָגלט אויף די קינדערשע קעפּעלעך.

אַלע קינדער האָבן געכאַפּט די זיסע זאַכן, געשפּרונגען און געכאַפּט זיי אין דער לופטן. אויך נטע איז געשפּרונגען און געכאַפּט, און ווי זי כאַפּט — רופט זי אויס מיט גרויס שמחה:

— זעט נאָר וואָס דער עראָפּלאַן האָט מיר אַרונטער־געוואָרפן — אַ פינגערל!

אַלע חברטעס זײַנען צוגעלאָפן צו איר אָנקוקן דאָס פינגערל.

— ס׳גלאַנצט אַזוי! — זאָגט איינע.

— ס׳איז אַ גאָלדן פינגערל! — רופט אויס אַ צווייטע.

לויפט נטע אַהיים זייער פריילעך: אַ סך פאַרביקע פּאַפּירע־לעך האָט זי צונויפגעקליבן, אַ פולע זשמעניע מיט צוקערקעס האָט זי אָנגעכאַפּט, און דערצו נאָך — אַ גאָלדן פינגערל!

נאָך איידער זי האָט געעפנט די טיר האָט זי אויסגערופן:

— כ׳האָב געפונען אַ גאָלדן פינגערל!

נעמט די מאַמע דאָס פינגערל, באַטראַכט עס פון אַלע זײַטן, און זאָגט:

— ריכטיק! אַ ריין גאָלדן פינגערל. אויך אַ נאָמען איז אויסגעקריצט אויף דעם: „ניצה".

זאָגט דער פאָטער:

— מען דאַרף לאָזן וויסן אין צײַטונג.

און ער האָט געדרוקט אין צײַטונג אַזאַ אַנאָנס:

געפונען אַ גאָלדן פינגערל מיט אַ נאָמען
אויסגעקריצט אויף דעם. ווער עס האָט
פאַרלאָרן זאָל זיך ווענדן צו...

דערבײַ האָט ער געשריבן זײַן אַדרעס.

***

אין אַ פּאָר טעג אַרום קומט אַ פרײַלין, אָנגעטאָן אין אַ מיליטער־אוניפאָרם, און זאָגט:

— מײַן נאָמען איז „ניצה”. איך בין אַ קצינה (קעצינאַ, אָפיצערין). אין טאָג פון יום העצמאות בין איך געפלויגן אין אַן עראָפּלאַן און געוואָרפן צוקערקעס פאַר די קינדער. האָט זיך מײַן פינגערל אַראָפּגעגליטשט פון מײַן פינגער און אַראָפּ־געפאַלן...

ווײַזט איר נטע דאָס פינגערל.

— טאַקע מײַנס! — ווערט די קצינה פריילעך — דאָס פינגערל איז מיר זייער טײַער, כ'האָב עס געקראָגן אַ מתנה פון מײַן חתן!

נעמט נטע און גיט איר אָפּ דאָס פינגערל.

זאָגט די קצינה:

— אַ דאַנק דיר, נטע, דו ביסט אַ פײַן קינד! איך וויל אָבער דיך באַלוינען מיט עפּעס: אַ פינגערל מיט אַ הערצעלע, אַ ליאַלקע, אָדער אַ ביכל. זאָג, וואָס ווילסטו?

— איך וויל גאָרניט! — ענטפערט נטע — אַ פינגערל מיט אַ הערצעלע האָב איך באַקומען צו מײַן געבוירן־טאָג; אַ ליאַלקע האָט מיר מײַן מומע געשיקט פון אויסלאַנד; ביכער — כ'האָב אַ פולע שאַפע מיט ביכער...

נטע האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט, פאַררויטלט זיך און געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט בעטן... פליען אין אַן עראָפּלאַן קײַן אילת...

— ס׳איז מעגלעך! — ענטפערט די קצינה — מײַן חתן איז אַ פֿליער, ער וועט שוין די זאַך מאַכן.

און אַזוי איז געשען.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען פֿאַרבעטן נטען צום פֿלי־פֿעלד. מ׳האָט זי אַרײַנגעזעצט אין אַן עראָפּלאַן און זי האָט געמאַכט אַ הימל־שפּאַציר קײַן אילת, הין און צוריק.



ל״ג בעומר

בר־כוכבא און דער לייב

א

באַכט נאָך נאַכט פֿלעגט דער גיבור בר־כוכבא פֿאַרלאָזן זײַן מחנה, און איינער אַליין גיין וואַנדערן צווישן די הויכע בערג, קלעטערן אויף די שפּיציקע פֿעלדזן, אַרונטערלאָזן זיך אין די טיפֿע היילן און שטיינער־שפּאַלטן.

נאַכט נאָך נאַכט פֿלעגט אַ גרויסער לייב פֿאַרלאָזן זײַן גרוב, און גיין צווישן די בערג לויערן נאָך פֿאַרציקונג. —

איין מאָל, ווען דער מאָרגנשטערן איז אויפֿגעגאַנגען, האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט: בר־כוכבא און דער לייב.

בר־כוכבא האָט זיך גלײַך אָפּגעשטעלט, אַ פֿאַכע געטאָן מיט זײַנע לאַנגע געקרײַזלטע האָר, און זײַנע שטאַרקע אויגן אַנגעשטרענגט אין לייבס פּנים אַרײַן.

אויך דער לייב האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ טרייסל געטאָן זײַן גריווע און אַרײַנגעקוקט בר־כוכבאן אין פּנים אַרײַן.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, באַלד זיך אויסגעדרייט און יעדער איז אַוועק אין זײַן זײַט: דער לייב צוריק צו זײַן גרוב, בר־כוכבא — צו זײַן מחנה.

ב

אַ צווייטן מאָל האָבן זיך די צוויי באַגעגנט, אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן און זיך צעשיידט, יעדער אין זײַן זײַט.

אָבער ווען זיי האָבן זיך צום דריטן מאָל באַגעגנט, האָט זיך דער לייב אויפֿגעשטעלט און אויסגעשריגן אַ געוואַלדיקן געשריי. האָט זיך בר־כּוכבא אויך אויפֿגעשטעלט און געענט־פֿערט מיט אַ העלדן־געשריי. דער לייב האָט זיך גלײַך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ערד, געדרייט מיטן עק און מיטן קאָפּ הין און צוריק און געקוקט אויף בר־כּוכבאן רואיק און גוט. זעצט זיך אויך בר־כּוכבא אויף דער ערד לעבן דעם לייב, לייגט אַוועק זײַן שווערע האַנט אים אויפֿן רוקן, גלעט און קעמט מיט די פֿינגער זײַן צעפּלאָנטערטע גריווע. דער לייב ברומט פֿון גרויס הנאה, שטעקט אַרויס זײַן צונג און לעקט בר־כּוכבאס האַנט.

פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי זיך באַגעגנט יעדע נאַכט; לעבן גרויסן פֿעלדז אויפֿן שפּיץ באַרג האָבן זיי זיך באַגעגנט. ווען דער לייב איז פֿריער געקומען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויפֿן פֿעלדז, אויסגעשטעקט זײַן האַלדז און אַרויסגעלאָזט זײַן געשריי ביז גאָר ווײַט, כּדי זײַן פֿרײַנד זאָל הערן און וויסן אַז ער וואַרט אויף אים. דאָס האָט אויך געטאָן בר־כּוכבא. ווען ער איז אָבער געקומען פֿריער, האָט ער זיך געלאָזט הערן. און ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט און זיך אַרומגענומען, האָט בר־כּוכבא זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן לייב און גערופֿן:

— לויף מײַן פֿרײַנד, אויף באַרג און טאָל — איבער גאַנץ ישׂראל!

דער לייב איז געלאָפֿן וואוהין בר־כּוכבא האָט אים געהייסן אַזוי ווײַט און לאַנג, ביז דער מאָרגנשטערן האָט זיך באַוויזן און ס'האָט זיך געהערט דאָס שאַלן פֿון בר־כּוכבאס מחנה.

ג

איין נאַכט קומט בר־כּוכבא צום פֿעלדז, לאָזט זיך הערן, אָבער דער לייב האָט ניט געענטפֿערט; אַ שטיק צײַט האָט געהילכט זײַן שטים צווישן די בערג — און דער לייב האָט זיך ניט באַוויזן; דער מאָרגנשטערן איז שוין אויפֿגעגאַנגען — און דער לייב איז ניט געקומען.

וואָס אַזוינס איז געשען מיטן לייב?

ער איז געפֿאַנגען געוואָרן פֿון די רוימער.

ווען דער רוימישער קייסער האָט זיך דערוואוסט אַז בר־כּוכבא וואַנדערט אַלע נאַכט צווישן די בערג, האָט ער אַרויס־געשיקט אַן אַרמיי און אָנגעזאָגט:

— איר זאָלט כאַפּן דעם גיבור פֿון יהודה און מיר אים ברענגען אַ לעבעדיקן!

אַ גאַנצע נאַכט האָט די אַרמיי געלאָקערט צווישן די בערג, און הערנדיק אַ געשריי פֿון אַ לייב האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, אים געפֿאַנגען און אַוועקגעשיקט צום רוימישן קייסער:

— מיר שיקן דיר דעם לייב פֿון יהודה — אַ לעבעדיקן!

האָט דער קייסער געענטפֿערט:

— כ׳האָב דערהאַלטן דעם לייב פֿון יהודה אַ לעבעדיקן און אים פֿאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס; אָבער איך האָב פֿון אײַך געפֿאָדערט ניט דעם לייב, נאָר דעם גיבור פֿון יהודה!

די רוימישע אַרמיי האָט ווײַטער געלאָקערט צווישן די בערג, און אין איין נאַכט, ווען בר־כּוכבא האָט געוואָגלט און געזוכט זײַן פֿרײַנד — דעם לייב, — האָט די אַרמיי אים אַרום־גערינגלט און אים גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

אַזוי איז געבראַכט געוואָרן אויך דער גיבור פֿון יהודה אַ לעבעדיקער קײַן רוים.

ד

האָט מען געבראַכט בר־כּוכבאן און אים געשטעלט פֿאַרן קייסער, און זײַנע הענט און פֿיס זײַנען געווען געשמידט אין אײַזערנע קייטן. בר־כּוכבא איז אָבער געשטאַנען שטאָלץ, און זײַנע אויגן האָבן געשײַנט ווי שטערן.

ווענדט זיך צו אים דער קייסער פֿון רוים:

— גיבור פֿון יהודה, קני פֿאַר מיר!

— צו דעם וואָס אונטערדריקט מײַן פֿאָלק וועל איך ניט קניען! — ענטפֿערט בר־כּוכבא שטרענג.

זאָגט ווײַטער דער קייסער:

— גיבור פֿון יהודה! איצט ווען דו ביסט אַ קנעכט, גע־שמידט אין קייטן, גיב זיך אונטער!

— ווער וואַגט זאָגן אַז דער גיבור פֿון יהודה איז געבונדן אין קייטן? רופֿט אויס בר־כּוכבא מיט אַ צאָרנדיק קול, אַז די זיילן פֿון פּאַלאַץ האָבן זיך גענומען טרייסלען, און מיט איין ריס האָט ער צעריסן די קייטן פֿון די הענט און פֿיס.

אַלע וואָס זײַנען דאָרט געשטאַנען האָבן זיך אָפּגערוקט דערשראָקענע. אויך דער קייסער איז שטאַרק בלאַס געוואָרן.

— שרעק זיך ניט! — רופֿט צו אים בר־כּוכבא — דער גיבור פון יהודה וועט ניט טאָן קײַן שלעכטס אַפֿילו זײַנעם אַ פֿײַנד — ווען ער טראָגט ניט אויף זיך קײַן געווער. נעם דײַן שווערד, קייסער, און קום זיך שלאָגן מיטן גיבור פֿון יהודה.

אויב דו שרעקסט זיך — שיק פּערציק פון דײַנע העלדן זיי זאָלן מיט מיר מלחמה האַלטן!

דערווײַל האָט זיך דער קייסער געשטאַרקט, געקומען צו זיך און גערופן:

— ניט איך, דער קייסער, וועט קעמפן מיט אַ קנעכט, און ניט מײַנע גיבורים. דו וועסט זיך ראַנגלען מיטן גרויסן לייב וואָס איז הינטער גראַטעס, און איך און מײַנע העלדן וועלן זען דעם גיבור פון יהודה צווישן דעם לייבס ציין.

און ער האָט גערופן צו זײַנע באַדינער:

— פירט אים אַרויס פון דאַנען!

ה

גלאָקן האָבן געקלונגען און טראָמפּייטן האָבן געשאַלט:

— קומט אַלע אין צירק אַרײַן, זען דעם געפאַנגענעם גיבור פון יהודה צווישן די ציין פונעם גרויסן לייב!

דער צירק איז געווען אָנגעפילט מיט מענטשן, דער קייסער איז געזעסן אויף זײַן שטול און אַרום אים — זײַנע האַרן.

די טראָמפּייטן האָבן געגעבן אַ סיגנאַל, רוימישע סאָלדאַטן, אָנגעלאָדן מיט שפּיזן און שווערדן האָבן אַרײַנגעפירט בר־כּוכבאן אין מיטן צירק. טויזנטער אויגן האָבן באַוואונדערט דעם הויכן שיינעם גיבור.

בר־כּוכבא איז געשטאַנען אין דער אַרענאַ שטאָלץ און רואיק, זײַן קאָפּ געהויבן און זײַנע אויגן לײַכטן ווי שטערן.

די טיר פון אַ שטײַג האָט זיך געעפנט און אַ גרויסער לייב האָט זיך באַוויזן, זײַן גריווע צעפלאַנטערט און זעט אויס זייער צאָרנדיק: שוין דרײַ טעג אַז מען הונגערט אים. אַ ווײַלע איז

ער געשטאַנען פֿאַרוואונדערט אויף איין אָרט און געקוקט אַרום און אַרום, נאָכדעם האָט ער אַ שטאַרקן ברום געטאָן און גע־געבן אַ שפּרונג צום געפֿאַנגענעם. בר־כּוכבא אָבער האָט זיך ניט גערירט פון זײַן אָרט. געקוקט גלײַך און שטאַרק צום מורא־דיקן לייב — — — אַ ווײַלע זײַנען זיי ביידע געשטאַנען דער־שטוינטע... זיי האָבן זיך דערקענט — — —

דער לייב איז אָפּגעשפּרונגען, האָט אויסגעשריגן אַ ווילד־געשריי וואָס האָט פֿאַרציטערט דעם גאַנצן צירק, נאָכדעם איז ער געקראָכן און זיך אַוועקגעלייגט לעבן בר־כּוכבאן און גע־לעקט זײַנע פֿיס.

בר־כּוכבא האָט אַרויפגעלייגט אויף אים זײַן שטאַרקע האַנט, אַ שפּרונג געטאָן און זיך געזעצט אויף אים, אָנגענומען פֿעסט זײַן גריווע און געררופֿן:

— לויף און שפּרינג, מײַן פֿרײַנד!

דער לייב האָט זיך אויפֿגעהויבן, ווידער אַ בריל געטאָן, געגעבן אַ שפּרונג איבער די קעפּ פֿון די איבערגעשראָקענע מענער און פֿרויען, אַרויסגעשפּרונגען פֿונעם צירק אַרויס, גע־לאָפֿן פֿון גאַס צו גאַס ביז אויסער דער שטאָט, — און בר־כּוכבא רײַט אויף אים איבער בערג און טאָלן, דער קאָפּ איז געהויבן, זײַנע לאָקן צעשויבערט פֿונעם ווינט און זײַנע אויגן שײַנען ווי שטערן.

אין דעם זעלבן טאָג האָט זיך בר־כּוכבא אומגעקערט צו זײַן מחנה רײַטנדיק אויפֿן לייב.

שבועות

אַ מיידעלע ירדנה און אַ ציגעלע אַ קליינע

א. — אַ מיידעלע מיט אַ ציגעלע — אַ שיינע פּאָר,
די איז אַלט 2 חדשים, און די — 6 יאָר.

ירדנה האָט אַ סך שפּילערײַען: אַ בלעכענעם האָן, אַ גומע־נעם העלפאַנט, אַ הילצערן פערד, אַ שטרויענעם אייזל, אַ פּאַפּירענעם קעמל און אַ וואָלן לעמעלע.

ירדנה האָט אויך אַ ציגעלע אַ קליינע, אָבער אַ לעבעדיק ציגעלע, אַ קלאָר־ווײַס ציגעלע, מיט דינינקע פּיסעלעך, מיט אַ קורצינקן עקעלע מיט לאַנגע, אַראָפּגעלאָזטע אויערן, און זייער אַ רירעוודיקע. אַ גאַנצן טאָג שפּרינגט עס, כאַפּט און קײַט דעם עק פון אַ טישטעך, און מעקעט: מע, מע, מע!

ירדנה עסט ברויט מיט פּוטער — ברעכט זי אָפּ אַ שטיקל און דערלאַנגט איר ציגעלע; טרינקט ירדנה אַ גלאָז מילך — לאָזט זי איבער אַ ביסל פאַרן ציגעלע; אַז ס׳קומט אָן די נאַכט — לייגט זיך ירדנה שלאָפן אויפן בעטעלע, און דאָס ציגעלע — אונטערן בעטעלע.

דאָס ציגעלע האָט שטאַרק ליב ירדנהן; עס איז צו איר צוגעבונדן ווי אַ קליין הינטעלע. ירדנה שפּילט זיך — דאָס ציגעלע שפּרינגט לעבן איר; ירדנה שפּאַצירט — דאָס ציגעלע לויפט פאָרויס; ירדנה גייט אין שול — דאָס ציגעלע גייט איר נאָך.

ב. — דאָס ציגעלע גייט אין שול זייער גערן,
עס וויל אויך אַ שיינע מעשה הערן.

גייט ירדנה אין שול, און דאָס ציגעלע גייט איר נאָך. גייט אַרײַן ירדנה אין קלאַס און לאָזט דאָס ציגעלע הינטער דער טיר. שטייט דאָס ציגעלע, שטייט, וואַרט דאָס ציגעלע, וואַרט — און מען עפֿנט ניט. גייט עס אַוועק צום פֿענצטער.

קוקט אַרײַן דאָס ציגעלע דורכן אָפֿענעם פֿענצטער און זעט, אַז דער קלאַס איז פֿול מיט ייִנגלעך און מיידלעך וואָס זיצן בײַ טישן און הערן ווי די לערערין דערציילט זיי אַ מעשה. האָט עס זיך אַוועקגעשטעלט, קוקט גלײַך דער לערערין אין מויל און באַלעקט זיך.

פלוצעם האָט ציגעלע דערזען ירדנה זיצן צווישן די קינדער. האָט דאָס איר שטאַרק פֿאַרדראָסן: סטײַטש? ירדנה זיצט אינעווייניק און מיך האָט מען איבערגעלאָזט אין דרויסן? האָט זי געעפֿנט דאָס מויל און אַ מעקע געטאָן: מע!...

האָבן זיך די קינדער אַרומגעקוקט און דערזען דאָס ציגעלע, און באַלד אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. האָט זיך דאָס ציגעלע איבערגעשראָקן, טוט עס אַ שפּרונג דורכן פֿענצטער גלײַך צו ירדנהן און טוליעט זיך צו צו איר.

איז געוואָרן אַ רעש. און אין מיטן רעש האָט געקלונגען דער גלאָק — הפּסקה. האָבן אַלע קינדער אַרומגערינגלט ירדנהן מיטן ציגעלע; איינע גלעט, אַ צווייטע האַלדזט און אַ דריטע האָט אַ קוש געטאָן דאָס ציגעלע אויפֿן שטערן.

רופֿט זיך אָן רותי, ירדנהס חברטע:

— אַזאַ שיין ציגעלע פּאַסט זייער גוט פֿאַר ביכּורים!

— בראַוואָ! בראַוואָ! — שרײַען אויס אַלע קינדער און פּליעסקען מיט די הענט.

זאָגט ירדנה:

— איך האָב טאַקע אַליין באַשלאָסן ברענגען דאָס ציגעלע פאַר ביכּורים!

ג. — צילה, גילה, גלילה, חנה, חיה —
אויך ירדנה מיטן ציגעלע אין דער רייע.

אין דער היים נעמט ירדנה אַ לײַוונט און מאָלט אויס:

בּיכּורים

און הענגט עס אויף אויפֿן ציגעלעס האַלדז.

דערווײַל האָט זיך אָנגעהויבן די צוגרייטעניש צו ביכּורים, און ס'איז דאָ אַ סך צו טאָן: מאַכן קוישן, פּלעכטן קראַנצן, פאַרבן פאָנען און אויסמאָלן די פּסוקים פֿון ביכּורים.

און אַז דער יום־טוב איז געקומען, האָבן די קינדער געבראַכט פֿון אַלדאָס גוטס:

דער האָט געבראַכט גרינס פֿונעם גאָרטן,
און דער — זאַנגען פֿונעם פעלד;
דער האָט געבראַכט אייער פֿון שטײַג,
און דער — טויבן פֿון טויבנשלאַק;

דער האָט געבראַכט טרויבן פֿונעם ווײַנגאָרטן, און דער — האָניק פֿונעם בינשטאָק.

און ירדנה האָט געבראַכט איר ציגעלע.

דאָס ציגעלע איז ווײַס, און ירדנה איז אָנגעטאָן אין ווײַסן;

ביידע זײַנען זיי באַפּוצט מיט בלויע באַנדן און געקרוינט מיט צווײַגן פֿון איילבירט־בוים.

שטייען אַלע קינדער אין איין רײַ און פֿאָרויס — ירדנה מיטן ציגעלע אויף אירע אָרעמס.

ד. — אַלע קינדער זינגען און רוישן,
און דאָס ציגעלע נאַשט פֿון די קוישן.

אין אַ לאַנגער רײַ און מיט גרויס געזאַנג זײַנען די קינדער געגאַנגען און געטראָגן די ביכּורים ביז מען איז אָנגעקומען אויפֿן גרויסן פּלאַץ פֿון קרן־קימת. פֿון אַלע זײַטן, פֿון אַלע וועגן האָבן זיך געצויגן די לאַנגע רײַען, און אַז אַלע האָבן זיך שוין פֿאַרזאַמלט איז געוואָרן שטיל. מ׳האָט געוואַרט אויפֿן צייכן, אַז דער יום־טוב הייבט זיך אָן.

ווי לאַנג די קינדער האָבן געזונגען האָט דאָס ציגעלע געמעקעט, אָבער אַז ס׳איז שטיל געוואָרן איז דאָס ציגעלע אומעטיק געוואָרן: עס האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט אַז עס איז גאָר הונגעריק.

טאַקע אין אמתן האָט דאָס ציגעלע דעם טאָג גאָרניט געהאַט אין מויל, ווײַל ירדנה איז געווען שטאַרק פֿאַרנומען: זי האָט זיך געוואַשן, און אַרומגעוואַשן דאָס ציגעלע; זי האָט זיך פֿאַרקעמט, און אויסגעקעמט דאָס ציגעלע; זי האָט זיך באַפּוצט און אויסגעפּוצט דאָס ציגעלע. נו, האָט זי נאָר איין זאַך פֿאַרגעסן: געבן דעם ציגעלע עסן.

זעט ירדנה אַז דאָס ציגעלע איז עפּעס אומעטיק, מיינט זי: הײַנט דאַרף עס זיך שיידן פֿון איר, דערפֿאַר איז עס אומעטיק...

פלוצעם האָט די פויק געפּויקט, די קלעזמער האָבן אָנגע־הויבן שפּילן, און די קינדער האָבן אָנגעהויבן זינגען:

„די קוישן אויף די אַקסלען,
און דער קאָפּ איז געקראַנצט..."

און זינגענדיק זײַנען די קינדער געגאַנגען אַרום אַ גרויסער בינע און איבערגעגעבן די ביכּורים צו די כּוהנים וואָס שטייען אויבן. ירדנה קושט איר ציגעלע און גיט עס איבער צום כּהן. נעמט דער כּהן און שטעלט אַוועק דאָס ציגעלע אויף דער אויבערשטער טרעפּ אויבן־אָן, מען זאָל עס זען.

דאָס ציגעלע אָבער, אַז עס האָט דערזען אַזוי פּיל קוישן מיט שמעקעדיקע גרינסן, האָט עס זיך צוגעכאַפּט און אָנגע־הויבן עסן מיט גרויס חשק.

ה. — אַלע קינדער זינגען, טאַנצן אין פרײַדן,
ירדנה מיטן ציגעלע קענען זיך ניט שיידן.

נאָכן איבערגעבן די ביכּורים איז געוואָרן פרײלעך. די מוזיק שפּילט, דער עולם טאַנצט, מען טיילט די קינדער זיס־וואַרג צו עסן און צו טרינקען. דאָס ציגעלע שטייט אויבן, עס האָט זיך שוין אָנגעגעסן, דאָך גייט עס פאַרזוכן פון אַלע קוישן, ביז עס האָט אָנגעטראָפן אויף אַ קויש מיט ציבעלעס. ווי עס האָט נאָר פאַרזוכט, אַזוי האָט עס אָנגעהויבן ניסן... און האָט זיך דערמאָנט אין ירדנהן. עס האָט געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן און האָט באַוואונדערט זיך אַליין, ווי אַזוי איז עס אַרויף אויף אַזאַ הויכער שטופע... און באַלד איז עס אַראָפּגעשפּרונגען פון דער בינע און האָט אָנגעהויבן זיך דרייען אַרום און אַרום און מעקען.

די גאַנצע פֿאַרזאַמלונג איז דעמאָלט געשטאַנען אויף די פֿיס און געזונגען „התקוה", נאָר דאָס ציגעלע לויפֿט אַהער, אַהין. זעט ירדנה — און עס גייט איר אויס דאָס חיות, זי וויל עס אַרומנעמען און עס קושן, נאָר מ'טאָר ניט אין מיטן זינגען...
אָבער דאָס ציגעלע דערקענט ירדנהן צווישן אַלע קינדער, און איז שנעל צוגעשפּרונגען צו איר.

ירדנה האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן, זי האָט אַרומגענומען איר ציגעלע און צוגעדריקט צום האַרצן. צוויי טרערן האָבן געגלאַנצט אין אירע אויגן.

ווען מען האָט געענדיקט זינגען די „התקוה", גייט צו דער דירעקטאָר פֿון קרן קימת צו ירדנהן און זאָגט:

— איך דאַנק דיר, ירדנה, פֿאַר דײַן שיינעם ביכּורים; איך וויל דיך אָבער עפּעס בעטן: דײַן ציגעלע איז נאָך צו יונג און צו קליין, וואָס קאָנען מיר טאָן דערמיט? ווער וועט זיך מיט דעם פֿאַרנעמען? אָט נעם דײַן ציגעלע צו דיר אַהיים און האָדעווע עס אויס. איבעראַיאָר, וועסטו עס ווידער ברענגען פֿאַר ביכּורים!

אַזוי איז טאַקע געווען.

ביכּורים

א

הינטער הויכע בערג, אין אַ גרינעם טאָל, זיצט ווי באַהאַלטן אַ קליינער ישוב, אַ קבוצה. די הײַזלעך זענען ווײַסע, די דעכער — רויטע, און די פֿענצטער און לאָדן — בלויע. יעדער הײַזל איז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן גאָרטן און מיט אַ ברייטן הויף. אין יעדן הויף געפֿינט זי אַ הינער־שטײַג. אַ פּאָר מאָל אין טאָג עפֿנט מען די שטײַג, און אַ כאַפּטע הינער לאָזט זיך אַרויס אויף דער פֿרײַער לופֿט, ווי קינדערלעך פֿון דער שול, אַלע מיט ווײַסע פֿעדערן, מיט רויטע קאַמען, און זיי צעשפּרייטן זיך אויפֿן גאַנצן הויף צו שאַרן און צו פּיקן.

יעדן טאָג לייגן די הינער אייער, און יעדן פֿרימאָרגן עסן די קינדער פֿרישע אייער און לויפֿן אין שול לערנען.

ווען ס׳קומט אָן דער ליבער יום־טוב שבועות, און מען באַדאַרף ברענגען ביכּורים, קלײַבט יעדער קינד אויס די גרעסטע־שענסטע־ווייסע אייער און ברענגט זיי אין שול. נעמט די לערערין און פֿילט אָן אַ קאָרב מיט אייער, די קינדער קלײַבן אָן בלומען, באַפּוצן דעם קאָרב, באַקרוינען זיך אַליין און אויך די לערערין מיט שיינע קרענץ און גייען מיט געזאַנג אין שטאָט אַרײַן צו ברענגען ביכּורים פֿאַן קרן קיימת לישראל.

(איז דאָך אַלץ, דאַכט זיך, גוט און שיין!
זאָגן אָבער די קינדער : ניין !)

ב

איין יאָר האָבן די קינדער געבראַכט אייער; דאָס צווייטע יאָר האָבן זיי נאָכאַמאָל געבראַכט אייער. צום דריטן מאָל האָבן זיך די קינדער אָנגערופֿן:

— ניין! ביז וואַנען וועלן מיר ברענגען נאָר אייער?

— לאָמיר הײַנטיקס יאָר ברענגען גרינסן! — זאָגט העניע.

— אפֿשר זאָלן מיר ברענגען פּרוכטן? — פֿרעגט יאָסי.

— בלומען! — שרײַט אויס עדינה.

האָבן זיך די קינדער געשפּאַרט צווישן זיך און ניט געקומען צו קײַן טאָלק, ביז רחלע איז אויפֿגעשטאַנען און האָט אויסגע־רופֿן שטרענג:

— ניט גרינסן, ניט פּרוכטן און ניט בלומען, און טאַקע ווידער אייער!.. מיר וועלן אָבער אויף די אייער אַוועקזעצן אַ קוואָקע, וועט זי אויסבריען הינדעלעך, וועלן מיר זיי ברענ־גען פֿאַר ביכּורים!

איז עס אַלע קינדער געפֿעלן געוואָרן און זיי זײַנען גלײַך געלאָפֿן און דערציילט דער לערערין.

— טאַקע אַ גוטער פֿאָרשלאָג! — זאָגט די לערערין.

— וואו וועלן מיר נעמען אַ קוואָקע? — פֿרעגט צילקע פֿאַרזאָרגט.

— ניט געזאָרגט! — ענטפֿערט די לערערין — איך וועל שוין באַזאָרגן אַ קוואָקע.

אַלע קינדער האָבן געהויבן פּיסלעך פֿאַר גרויס שמחה.

ווען די קינדער זענען שטיל געוואָרן, זאָגט די לערערין:

— די צײַט איז קורץ, קינדער, נאָר אַ פּאָר חדשים זענען

געבליבן ביז שבועות. מיר דאַרפֿן זיך אַ ביסל צואײַלן. ווי מיינט איר, קינדער?

— געוויס! — שרײַען אויס די קינדער, און זייערע בעקע־לעך פֿלאַמען און זייערע אייגעלעך קוועלן.

(קינדער דאַרפֿן נאָר וועלן!...)

ג

געזאָגט און געטאָן. אויף מאָרגן האָבן די קינדער געבראַכט אויסגעקליבענע אייער, איינס און איינס — צוואַנציק שטיק.

נעמט די לערערין אַ קעסטל, בעט עס אויס מיט שטרוי ווי אַ נעסט, לייגט אויס די אייער אין אַ רעדל און שטעלט עס אַוועק אין אַ טונקעלן ווינקל. נאָך דעם זעצט זי אַוועק די קוואָקע אויף די אייער, אַ גרויסע, שיינע קוואָקע.

אַלע קינדער שטייען אַרום איר און קוקן, און פֿלאַפּלען, און בליצן מיט וויצן.

הייבט אויף די לערערין איר רעכטע האַנט, פֿאַרבייגט פֿיר פֿינגער און לאָזט אויסשטרעקן נאָר איין פֿינגער. מיט דעם פֿינגער שאָקלט זי און זאָגט אָן די קינדער:

1 — איר זאָלט ניט קריכן אין דעם ווינקל!

2 — איר זאָלט ניט אָנרירן די קוואָקע!

3 — איר זאָלט ניט טאַפּן אין נעסט אינעווייניק!

4 — איר זאָלט זײַן געדולדיק און וואַרטן ביז ס׳וועלן אַרויס די הינדעלעך!

— וויפֿל צײַט דאַרפֿן מיר וואַרטן? — פֿרעגן די קינדער.

— אַרום דרײַ וואָכן, — ענטפֿערט די לערערין.

— און וואָס וועט די קוואָקע עסן, טרינקען?

זאָגט די לערערין:

— זאָל יעדער פֿון אײַך זיך אָפּגעבן מיט דער קוואָקע נאָר אײן טאָג, און זי באַזאָרגן מיט עסן און מיט טרינקען!

די קינדער האָבן גלײַך געמאַכט אַ צעטל, פֿאַרשריבן ווער עס זאָל אַכטונג געבן אויף דער קוואָקע, יעדער טאָג זאָל עמעצער אַנדערש באַזאָרגן.

ד

אין אַ שײנעם פֿרימאָרגן —

ווען די קינדער זענען געקומען אין שול, האָבן זײ געטראָפֿן ווי די קוואָקע שפּאַצירט אַרום, און אַרום איר לויפֿן און שפּרינגען קלײנינקע הינדעלעך.

נו, איז געווען אַ שמחה! אַלע קינדער האָבן געוואָלט איבערצײלן די הינדעלעך און האָבן ניט געקאָנט...

אַ סך צײַט האָבן די קינדער ניט געקאָנט שטײן און קוקן. ערשטנס — מע באַדאַרף אַ שטײַגל. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און עמעצער האָט אויסגעזוכט אַן אַלט שטײַגל, האָט מען זיך גענומען צום פֿאַרריכטן: מען האָט געקלאַפּט טשוועקעס וויפֿל ס'איז געווען און וויפֿל ס'איז אַרײַן, כּדי דאָס שטײַגל זאָל זײַן שטאַרק. זײ האָבן פֿאַרשפּאַרט די קוואָקע מיט די הינדעלעך אינעם שטײַגל, און גלײַך געמאַכט אַ נײַעם צעטל, ווער עס זאָל יעדן טאָג באַזונדער זיך אָפּגעבן מיט דער קוואָקע און מיט אירע הינדעלעך.

עס זײַנען אַריבער אַ פּאָר וואָכן, די הינדעלעך זענען געוואַקסן פֿון טאָג צו טאָג און האָבן זיך באַדעקט מיט פֿעדערן. מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען שוין באַמערקט אַז אַלע

הינדעלעך וועלן אויסוואַקסן הינער, נאָר איין הינדעלע וועט אויסוואַקסן אַ האָן.

דערווייל איז אָנגעקומען ערב שבועות. די קינדער זענען געווען שטאַרק צופרידן:

— אַ סוף צו די אייער! הייַנטיקס מאָל וועלן מיר ברענגען ביכּורים נייַנצן הינער און איין האָן!

(די מעשה הייבט זיך ערשט אָן...)

ה

ס׳איז אָנגעקומען דער געוואונטשטער טאָג פון חג־הביכּורים. פון גאַנץ פרי אָן האָבן די קינדער זיך אָנגעהויבן גרייטן, און ס׳איז געווען אַ סך צו טאָן: ערשטנס — האָט מען אויסגעפּוצט די שטייַג מיט פרישע, גרינע צווייַגן און מיט בלומען; נאָך דעם האָט מען געמאַכט פאָנען, נאָך דעם האָט מען געפלאָכטן קרענץ, נאָך דעם און נאָך דעם...

און פון גרויס אייַלעניש האָט מען געלאָזט די שטייַג אָפן...

די הון מיט די הינדעלעך זענען זיך שטילערהייט אַרויס פון דער שטייַג אין הויף אַרייַן עפּעס צו פּיקן, האָבן זיי געפּיקט און צוגעקומען ביזן טויער; איז דער טויער געווען אָפן, זענען זיי אַרויס אין דרויסן אויפן גלייַכן וועג.

גראָד דעמאָלט איז דורכגעפאָרן אַ ייִנגל רייַטנדיק אויף אַן אייזעלע. דאָס אייזעלע איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַ זאַק ווייץ. אין זאַק איז געווען אַ קליין לעכעלע, האָבן זיך די קערנדלעך געשאָטן איינס נאָכן אַנדערן און געפאַלן אויפן וועג. אַז די קוואָקע האָט דאָס באַמערקט, האָט זי אָנגעהויבן קוואָקען:

— קי־קי־קי! קע־קע־קע! קי־קי־קינדעלעך! קע־קע־קערנדלעך!

די קליינע הינדעלעך זענען געווען גרויסע פֿרעסערס, זיי האָבן ניט געוואַרט ביז מ׳וועט זיי רופֿן נאָך אַ מאָל, זיי האָבן אָנגעהויבן כאַפּן און פּיקן, פּיקן און כאַפּן.

דאָס אייזעלע לויפֿט, דאָס זעקעלע טרייסלט זיך, די קערנדלעך פֿאַלן, און די הינדעלעך לויפֿן נאָך און פּיקן: פּיק־פּיק־פּיק!

(איצט לאָמיר זיך אומקערן אין קבוצה צוריק...)

ו

ווען די קינדער זענען שוין געווען אויסגעפּוצט, באַקרוינט און גרייט אין וועג אַרײַן, זענען זיי געקומען נעמען די שטײַג — זעען זיי: די שטײַג איז אָפֿן און ליידיק...

— וואו איז די קוואָקע מיט די הינדעלעך?

— ווער האָט געלאָזט אָפֿן די שטײַג?

איז געוואָרן אַ לויפֿעניש.

די קינדער האָבן זיך צעשפּרייט איבער אַלע הויפֿן, געזוכט אין אַלע שטאַלן — ניטאָ.

שטייען די מיידעלעך בײַ דער ליידיקער אויסגעפּוצטער שטײַג און וויינען:

„דער שאַקאַל האָט פֿאַרצוקט די קוואָקע!"

„דער קאָרשון האָט געכאַפּט די הינדעלעך!"

און די יינגעלעך שטייען פֿאַרזאָרגט:

„מיט וואָס וועלן מיר קומען אין שטאָט? וואָס וועלן מיר ברענגען ביכּורים?

שטילט זיי איין די לערערין און באַרואיקט זיי:

— טאָקע אַ גרויסער צער אויף דער הון מיט די הינדעלעך, נאָר וואָס קענען מיר איצט טאָן? לויפֿט אַהיים און ברענגט וואָס איר וועט געפֿינען, ווייל מיר מוזן גלייך גיין אין שטאָט ברענגען די ביכּורים.

זיינען די קינדער געלאָפֿן און געבראַכט וואָס נאָר זיי האָבן געפּאַקט: אייער, פֿרוכטן, גרינסן. דאָס אַלץ האָט מען אַרײַנ־געלייגט אין דער פֿארפּוצטער שטײַג און מ׳איז אַרויס אין וועג.

און שאַ שטיל; ניט מען זינגט, ניט מען שאַלט.

(וואָס איז ווײַטער געשען — וועלן מיר זען באַלד...)

ז

גייען די קינדער אויסגעפּוצטע מיט בלומען און צווייַגן, זיי טראָגן פֿאָנען און שווײַגן. — זיי זיינען שוין געווען העט ווײַט־ווײַט — פּלוצעם שרײַט אויס דאַני:

— זעט נאָר זעט! אָט איז די הון מיט די הינדעלעך!

די קינדער גיבן זיך אַ כאַפּ און זעען:

די קוואָקע מיט די הינדעלעך גייען זיך פּאַמעלעך אין מיטן שליאַך און פּיקן...

נו, איז געוואָרן אַ שמחה, אַ פֿרייד!

די קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זיי כאַפּן. ס׳איז גרינג צו זאָגן, אָבער ניט לײַכט צו כאַפּן נײַנצן יונגע הינדעלעך אויף אַ פֿרײַען פעלד; פון צווישן די פֿינגער האָבן זיי זיך

אַרויסגעגליטשט; איינס געכאַפּט — דאָס צווייטע אַנטלאָפֿן...

סוף כל סוף האָט מען זיי אַלע אַרײַנגעפּאַקט אין שטײַג. מ׳האָט אויפֿגעהויבן הויך די פֿאָנען און אַוועק ווײַטער.

מיט גרויס געזאַנג זײַנען זיי אַרײַן אין שטאָט, געשפּאַנט פֿון גאַס צו גאַס ביזן קרן קיימת און געבראַכט די ביכּורים מיט אַ פֿריילעך האַרץ און מיט גרויס מוט!

(אַבי דער סוף איז גוט!..)

צווייטער טייל

די קליינע פּאַלמע

1

מעלאַ און כּרמלה (קאַרמעלאַ) זײַנען שוועסטער־קינדער, ביידע זײַנען זיבן יאָר אַלט. כּרמלה וואוינט אין אַ דאָרף אין ארץ־ישׂראל און מעלאַ וואוינט ווײַט־ווײַט אין אַ דאָרף אין אַן אַנדער לאַנד.

איין מאָל האָט כּרמלה געשיקט צו מעלאַן אַ פּעקעלע מיט טייטלען, אײַנגעוויקלט אין אַ גלאַנציק־דורכזיכטיק פּאַפּיר און האָט איר געשריבן אַ בריוו:

טײַערע קוזינע מעלאַ!

איך שיק דיר צו דײַן געבוירנטאָג אַ פּעקעלע מיט ארץ־ישׂראל פּרוכטן. די פּרוכטן זײַנען קליינע, אָבער זיי וואַקסן אויף אַ הויכן בוים.

פון מיר, כּרמלה.

2

מעלאַ האָט זיך זייער געפרייט מיט דער מתּנה, זי האָט די טייטלען געגעסן און האָט זיך געשפּילט מיט די לאַנגע, שטיין־האַרטע קערנדלעך.

אַזוי שפּילנדיק פאַלט איר אײַן אַ געדאַנק:

„אַנו, לאָמיך נעמען און פֿאַרזעצן איין קערנדל, וועט אפשר אויסוואַקסן אַ הויכע פּאַלמע!"

געזאָגט און געטאָן.

מעלאַ האָט אויסגעקליבן דאָס בעסטע־שענסטע קערנדל און האָט עס אַרײַנגעשטעקט אין אַ בלומענטאָפּ.

וואַרט מעלאַ אַ טאָג, צוויי, דרײַ טעג — דאָס קערנדל באַווײַזט זיך ניט; זי וואַרט אַ וואָך, צוויי, דרײַ וואָכן — דאָס קערנדל וויל ניט שפּראָצן.

זעצט זיך מעלאַ אַוועק און שרײַבט כרמלהן אַזאַ בריוו:

ליבע קוזינע כרמלה!

אַ גרויסן דאַנק דיר פֿאַר דער מתּנה; זיסע טייטלען האָב איך גענעסן, און אינעם קערנדל ניט פֿאַרגעסן. איך האָב עס פֿאַרזייט אין אַ בלומענטאָפּ. וויל אָבער דאָס קערנדל ניט שפּראָצן. וואָס טוט מען? אפֿשר איז אונדזער ערד ניט גוט פֿאַר אַ פּאַלמע?

פֿון מיר, מעלאַ.

3

האָט כרמלה איר גלײַך געענטפֿערט:

טײַערע קוזינע מעלאַ!

דו ביסט גערעכט; ס׳קאָן זייער זײַן, אַז אויף אײַער ערד קאָן קיין פּאַלמע ניט וואַקסן. שיק איך דיר אַ זעקעלע ארץ־ישׂראל־ערד — און זאָל זײַן מיט גליק.

פֿון מיר, כרמלה.

4

אַז מעלאַ האָט דערהאַלטן דאָס זעקעלע ערד, האָט זי גלײַך אָנגעשאָטן אַ פֿולן בלומענטאָפּ און איבערגעזעצט דאָס שטיין־האַרטע קערנדל אַהין.

אַ טאָג, אַ נאַכט — ניט לאַנג געוואַרט, דאָס קערנדל האָט אַרויסגעשפּראָצט גרין, פֿריש און צאַרט.

מעלאַ האָט געטאַנצט פֿאַר פֿרייד.

אַוועק אַ וואָך, צוויי, דרײַ וואָכן — דאָס שפּראָצעלע שטייט אויף איין אָרט; אַוועק אַ חודש, צוויי, דרײַ חדשים — דאָס ביימעלע וויל ניט וואַקסן.

זעצט זיך מעלאַ אַוועק און שרײַבט אָן אַ בריוו צו כּרמלהן:

ליבע קוזינע כּרמלה!

אַ גרויסן דאַנק דיר פֿאַרן זעקעלע ערד; דאָס קערנדל האָט שוין אַרױסגעשפּראָצט, אָבער ס'וויל ניט וואַקסן. וואָס טוט מען? ס'קאָן זײַן אַז דאָס ביימעלע וויל טרינקען ארץ־ישׂראל־וואַסער.

פֿון מיר, מעלאַ.

5

האָט כּרמלה איר גלײַך געענטפֿערט:

טײַערע קוזינע מעלאַ!

איך מיין אַז דו ביסט גערעכט. אָט שיק איך דיר אַ קרינעלע מיט ארץ־ישׂראל־וואַסער. באַגיס דאָס ביימעלע אַלע פֿרימאָרגן, און זאָלסט זיך ניט זאָרגן.

פֿון מיר, כּרמלה.

6

ווי נאָר מעלאַ האָט דערהאַלטן דאָס קריגעלע וואַסער, האָט זי גענומען באַגיסן איר ביימעלע.

אַ טאָג, אַ נאַכט — ניט לאַנג געוואַרט, דאָס ביימעלע האָט זיך געהויבן, דערגרייכט ביז די שויבן; אַ וואָך נאָך אַ וואָך — דאָס ביימעלע וואַקסט נאָך און נאָך; אַ חודש, אַ יאָר — דאָס ביימעלע איז זיך צעוואַקסן ביז גאָר...

אָבער דערפאַר איז דאָס ביימעלע זייער בלייך און דאַר.

זעצט זיך ווידער מעלאַ אַוועק און שרײַבט צו כּרמלהן:

ליבע קוזינע כּרמלה!

דאָס פּאַלמעלע איז אויסגעוואַקסן הויך און שלאַנק, אָבער עס זעט אויס ווי קראַנק: בלייך און דאַר. איך האָב עס אַרויסגעטראָגן אין גאָרטן עס זאָל שעפּן לופט און זיך וואַרעמען אויף דער זון. אָבער, ווי ס'ווײַזט אויס, וויל דאָס ביימעלע לופט און זון פון ארץ־ישראל...

פון מיר, מעלאַ.

7

האָט כּרמלה איר גלײַך געענטפערט:

טײַערע קוזינע מעלאַ!

דו ביסט זייער גערעכט. נאָר צו מיין באַדויערן קאָן איך דיר קיין לופט ניט שיקן. אויך די ארץ־ישראל־דיקע זון הענגט צו הויך, איך קאָן צו איר ניט דער־

לאַנגען. מײַן עצה איז: נעם מיט זיך די פּאַלמע און פֿאָר אַריבער צו אונדז; מיר האָבן גענוג לופֿט און זון פֿאַר אײַך ביידע צוזאַמען.

לייען איבער מײַן בריוו פֿאַר דײַן טאַטן און דײַן מאַמען.

פֿון מיר, כּרמלה.

8

מעלאַ האָט דעם בריוו איבערגעלייענט פֿאַר איר טאַטן און איר מאַמען.

האָט דער טאַטע געזאָגט:

— כּרמלה איז גערעכט!

האָט די מאַמע געזאָגט:

— ס'איז גאָר ניט שלעכט!

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז די גאַנצע פֿאַמיליע אַריבער־געפֿאָרן קײַן ארץ־ישׂראל און זיך באַזעצט אין אַ דאָרף. די פּאַלמע וואָס מעלאַ האָט מיטגעבראַכט מיט זיך האָט זי איבער־געפֿלאַנצט אין גאָרטן בײַ דער שטוב.

אין אַ קורצער צײַט איז די פּאַלמע אויסגעוואַקסן שענער און העכער פֿון אַלע ביימער, איבער אַלע דעכער.

נפתלי גייט אין שולע

אין עק שטאָט, ניט ווײַט פֿון שליאַך / שטייט אַ שטוב מיט אַ רויטן דאַך, / טאָג־ווי־נאַכט שפּאַרט פֿון קוימען אַ רויך / און פֿאַרקרײַזלט זיך ביז אין דער הויך. / דאָרטן אין שטוב וואוינען צוזאַמען: / זיידע־באָבע, טאַטע־מאַמע, / אַ טאָכטער סגולה, / וואָס האָט שוין געענדיקט די שולע, / און אַ קליין ייִנגעלע נפתלי.

נפתלי דער קליינער / נאָר ער איינער / איז אין שטוב אַ גאַסט; / ווי נאָר ס׳הייבט אָן צו באַגינען / ווערט ער גלײַך אַנטרונען / אויפן גאַס. / דאָרטן פֿייגעלעך פֿליען, / בלימעלעך בליען, / הינטעלעך האַווקען, / קעצעלעך מיאַוקען, / אַ גריל גרילט, / אַ זשאַבע קוואַקעט, / און נפתלי שפּרינגט, / באָלע־באָקעט, / אַ גאַנצן טאָג באָרוועס און נאַקעט.

פּלוצעם, זעט נאָר זעט, אויסגעוואַקסן איז נפתלי, / ער וויל גאָר גיין אין שולע. / נו, ס׳איז אַ שמחה, אַ פֿרייד, / אָבער ער דאַרף דאָך אַ קלייד! / — אַ קלייד? אײַ־אײַ־אײַ, אַ וואַזשנע זאַך! / וואָס איז צו קלערן אַ סך? אָט נפתלים פֿאָטער איז דאָך אַ שנײַדער — אַ קענער, / ער נייט פֿאַר קינדער און פֿאַר מענער. / נעמט ער אין האַנט / אַ שטיקל געוואַנט, / געמאָסטן, געשניטן, / אין עק און אין מיטן, / געשטעפּט, גענייט / אין דער לענג, אין דער ברייט, / דאָ אַ פּרעס, דאָרט אַ גלעט — / אָט האָסטו שוין פּלודערן און אַ זשאַקעט!

דזינט וואו נעמט מען שיך? / זאָגט דער זיידע: „לאָזט מיך!״ / נפתּליס זיידע איז אַ באַרימטער־שוסטער, / אַ גאַנצן טאָג — אָט זינגט ער, אָט הוסט ער. / נו, יעדער שוסטער האָט לעדער. / לעדער אַהין, לעדער אַהער, / דאָ אַ צי, דאָרט אַ קער, / מיט דער אָל — שטיך־שטאָך! / מיט דער דראָטווע — קריך־קראָך! / מיטן האַמער — קליפּ־קלאַפּ! / מיטן בערש־טל — כאַפּ־לאַפּ! / אַ שמיר, אַ פּוץ, שנעל, גיך / און שוין פּאַרטיק אַ פּאָר שיך!

שיינע שיך, מיט אויערן און העקעלעך. / וואו זשע נעמט מען אַ פּאָר זעקעלעך? / זאָל זיך די באָבע זאָרגן! / זי שטייט אויף גאַנץ פרי־מאָרגן, / דאַוונט אָפּ, נעמט עפּעס אין מויל, / און באַלד געכאַפּט שפּיזלען מיט קנויל, / (בײַווּל דער בעסטער שענסטער) / און אויף אַ קליין בענקעלע זיך געזעצט בײַם פענצטער. / די שפּיזלען טאַנצן, / די אויגן גלאַנצן, / און די ליפּן זיי שאָקלען און ריידן / מעשות פון צער און פריידן, / ווי זי האָט חתונה געהאַט מיטן זיידן. / דאָס איז געווען, דאַכט זיך, ערשט נעכטן — — — / און די פינגער דערווײַל שטריקן, פלעכטן. / אַ טאָג און צוויי, און נאָך אַ נאַכט — / און די אַרבעט איז שוין געמאַכט.

דאַכט זיך — גוט! / אָבער מ׳דאַרף אַ הוט. / זומער, ווינטער — רעגן, היץ / ווי קאָן מען אויסקומען אָן אַ מיץ? / שמייכלט די מאַמע זיס און שיין: / „דאָס וועל איך טון אַליין!״ / זי עפנט אַ בינטל פון סאַמע־סאַמע / זײַד, אַטלעס, פּליוש, סאַמעט, / און נייט און העפט מיט פאָדעם זילבער־גאָלד, / פונקט ווי מיט אַ פּענזל געמאָלט: / אַ לייב, אַן אָדלער, אַ

הירש מיט הערנער, / וואָס האָט זיך פֿאַרטשעפּעט צווישן דערנער, / אַ טיגער מיט אויגן ברענען, שרעקן, / און אַ מגן־דוד מיט זעקס עקן, / אַך, איז דאָס אַ קעפּקע — אַזוינס ניט געווען, / אַזוינס ניט געזען, — / אָט וואָס אַ מאַמע קען!

קוקט נאָר אָן דעם נפֿתּלי, / אויסגעפּוצט ווי גראָף סטראָמבאָלי! / וואָס פֿעלט אים נאָך? כ׳לעבן, גאָר פֿאַר־געסן... / מ׳דאַרף דאָך מיטנעמען אין שולע עסן: / אַ בײַ־געלע, / אַ טײַגעלע, / אַן עפּעלע, אַ קיכעלע, / און דערצו אויך אַ טיכעלע. / יאָ, אַ טאָרבעלע איז אַ קלייניקייט, ריכטיק, / אָבער ס׳איז זייער וויכטיק! / נעמט די שוועסטער סגולה, אָבי נאָר זי נעמט, / און אַז זי נעמט — ברענט / אונטער די הענט. / נעמט זי אַ שפּיץ / פֿון אַ שטיקל ציץ, / אַ שטאָך, אַ ניי / — איינס־צוויי — / אָט האָסטו אַ טאָרבעלע אַ קליינס, אַ שיינס, / מיט קרעלן געצירט, / מיט אַ שנירעלע געשנירט, / מיט אַ שלייף געשלייפֿט: שליף־שלאָף!

וואַרט, ס׳איז נאָך נישט דער סוף!

סגולה, אָבי זי מאַכט — / מאַכט זי ווי געדאַכט! / האָט זי אויסגענייט אויפֿן טאָרבעלע פֿײַן און גוט / רויטע אותיות:

נון, פֿא, תּיו, למד, יוד.

(און אָנגעפּילט מיט אַלדאָס גוט.)

נעמט נפֿתּלי דאָס טאָרבעלע אין האַנט, / גיט אַ זאָג: / „אַ גוטן טאָג! / און שפּאַנט!

שטייט און קוקט די שוועסטער בײַ דער טיר: / זאָגט שטיל: „אַזאַ יאָר אויף מיר!”

קומט פֿון קיך / די מאַמע גיך, / געשווינד: / „מיר פֿאַר מײַן קינד!"

בײַם פענצטער שטייען ביידע / באָבע און זיידע. / ער זאָגט: „יאָ!" / און זי: „אין אַ מזלדיקע שעה!"

אַביסעלע שפּעטער / קומט צולויפֿן דער טאַטע אַהער, / אויפֿן האַלדז דער מעטער, / אין דער האַנט — די שער.

שטייען זיי, קוקן זיי פֿון דער ווײַטן,
קלײַבן נחת: „אַ ייִנגל ווי בײַ לײַטן!"

דער מאַראַנץ

אין אַ ריינעם־שיינעם ווינטערטאָג שפּרינגט אַראָפּ פון שפּיץ בוים אַ גרויסער, קײַלעכדיקער, גינגאָלדענער מאַראַנץ, — אַ שפּרונג, אַ טאַנץ — און הייבט זיך אָן קײַקלען און קײַקלען.

טרעפט ער אָן גראָד אויף אַ קליינער טאַטשקע, וואָס שפּאַצירט אַרום צווישן דיביימער אין פּרדס (פּאַרדעס — סאָד).

— מאַראַנץ, מאַראַנץ, וואוהין לויפסטו, מאַראַנץ?

— איך? אין דער וועלט־אַרײַן צו ייִדן.

— וואָס האָסטו צו טאָן בײַ ייִדן אין דער וועלט?

— כ׳וועל רופן ייִדישע קינדער, זיי זאָלן אַריבער קײַן ארץ־ישראל.

— טאַקע שיין! — רופט זיך אָן די טאַטשקע. — אָט שפּרינג אַרײַן צו מיר, וועל איך דיך אונטערפירן אַביסל!

אַ שפּרונג, אַ טאַנץ — און דער מאַראַנץ איז שוין אין דער טאַטשקע.

***

לויפט די טאַטשקע, לויפט און איר איין און איינציק רעדל דרייט זיך אַ הער, אַ הין — און פאַרפאַרט גלײַך ביז צום מאַגאַזין, וואָס שטייט בײַם פּלויט פונעם פּרדס.

שפּרינגט אַרויס דער מאַראַנץ און קײַקלט זיך ווײַטער. טרעפט ער אָן אויף אַ בינטל ווײַס־זײַדן פּאַפּיר, אַ גאַנצן פּאַק, אַ פולן זאַק.

— מאַראַנץ, מאַראַנץ, וואוהין איילסטו זיך מאַראַנץ?
— איך? אין דער וועלט־אַרײַן צו ייִדן.
— וואָס טראַכסטו דאָרטן צו טאָן?
— כ׳וועל רופן ייִדישע קינדער, זיי זאָלן אַריבערפאָרן קיין ארץ־ישראל.

— גאַנץ גוט! — ענטפערט דער פּאַק פּאַפּיר. — אָבער דאָרטן איז דאָך קאַלט, האָסט דאָך נישט קיין ראָק? קיין מאַנטל?

כאַפּט דער מאַראַנץ אַ בויגן זייַד־פּאַפּיר, פּאַרוויקלט זיך אַרום און אַרום, און קייַקלט זיך ווייַטער.

⁂

נישט לאַנג געלאָפֿן און גלייך אָנגעטראָפֿן אויף אַ קאַסטן פֿון ברעטלעך, וואָס שטייט בייַם טויער פון פּרדס.

— מאַראַנץ, מאַראַנץ, וואוהין לויפסטו, וואָס איילסטו זיך?
— איך? צו ייִדן אין דער וועלט.
— וואָס ווילסטו דאָרטן טאָן?
— כ׳וועל אַריבערשיקן ייִדישע קינדער קיין ארץ־ישראל.
— זייער פייַן, ליבער מאַראַנץ! — זאָגט דער קאַסטן. — אָבער ס׳איז דאָך זייער ווייַט, אַ לאַנגער וועג! אָט שפּרינג אַרייַן צו מיר, וועל איך דיך מיטנעמען אַהין.

אַ שפּרונג, אַ טאַנץ — און אונדזער מאַראַנץ איז שוין אין קאַסטן.

⁂

ווי נאָר דער מאַראַנץ איז אַרייַנגעשפּרונגען, אַזוי האָט זיך דער קאַסטן צוגעדעקט, און אַ האַמער האָט אָנגעהויבן

קלאַפּן: טאָק־טאָק־טאָק — אַ טשוואָק נאָך אַ טשוואָק.

געענדיקט קלאַפּן — האָט זיך דער קאַסטן אויפֿגעהויבן און איז אַרײַן אין אויטאָמאָביל: פּאַפּן־פּאַפּן־פּאַפּן!...

קוקט אַרויס דער מאַראַנץ דורך אַ שפּאַלט, און זעט: דער וועג איז לאַנג און ס׳גלאַנצט דער אַספֿאַלט.

פֿון אויטאָמאָביל איז דער קאַסטן מיטן מאַראַנץ אַריבער אין אַ באַן: טאַ־טאַ־טאַם, טאַ־טאַ־טאַם — און געקומען צום ברעג ים. און ווען דער מאַראַנץ איז אַרויף אויף דער שיף, איז ער באַלד אײַנגעשלאָפֿן טיף, טיף.

***

ווען האָט זיך דער מאַראַנץ אויפֿגעכאַפּט? ווען דער קאַסטן האָט זיך אויפֿגעמאַכט. אַ שפּרונג, אַ טאַנץ — און דער מאַראַנץ איז אַוועק אין שטאָט, געקײַקלט, געקײַקלט פֿון איין גאַס אין דער צווייטער, אַזוי ווײַט, אַזוי לאַנג, ביז ער האָט דערהערט פֿון אַ שטוב אַ געזאַנג:

אין ארץ־ישׂראל דאָרטן
ייִדן זייען, אַקערן...

„קליפּ־קלאַפּ!“ קלאַפּט ער אָן אין טיר, און גייט אַרײַן. זעט ער אַ שטוב פֿול מיט ייִדישע קינדער, זיי זינגען אַלע צוזאַמען, די פּנימער שײַנען, די אויגן פֿלאַמען. שרײַט ער אויס:

— שלום עליכם, קינדער!

די קינדער האָבן זיך זייער דערפֿרייט מיט אים, און גערופֿן:

— ברוך הבאָ! ברוך הבאָ! וואָס הערט זיך אין ארץ־ישׂראל?

דערציילט דער מאַראַנץ:

— אין ארץ־ישראל שײַנט און בליט, די קינדער שפּילן זיך אין אַ וואַרעמער, שיינער וועלט. וואָס־זשע זיצט איר דאָ אין דער קעלט?

האָבן די קינדער אַרומגערינגלט דעם מאַראַנץ, אים געגלעט, באַטאַפּט, געשמעקט און זיך באַלעקט:

— אײַ, ווי שיין!

און פֿון אַלע זײַטן האָבן די קינדער מיט אַ מאָל אָנגעהויבן פֿרעגן, אַלע מיט איין ניגון:

— עסן טאַקע באָקסער דאָרטן די ציגן?

— אויף די צווײַגן וואַקסן פֿײַגן?

— ספּרדישע ייִדן דאָרטן האַנדלען מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען?

איינער האָט געוואָלט וויסן — ווער און וואָס איז „צאַברע", וואָס שטעכט און איז זיס?

אַ צווייטער:

— טראָגן טאַקע די חלוצים אין נגב לאַנגע בערד?

און אַ דריטער:

— איז אמת, אַז אַ ייִדישער מלך אַקערט אַליין די ערד?...

⁂

בקיצור, די קינדער האָבן געמאַכט איין פֿאַרבאַנד, און איבער אַ יאָר זײַנען זיי אַלע אַריבער אין וואונדערלאַנד.



דער האַרבסט־קאַראַהאַד

דער ליבער זומער איז שוין אַוועק, נאָר דער האַרבסט האָט זיך נאָך ניט באַוויזן. די הימלען זײַנען נאָך לויטער־ריין, די זון ברענט נאָך גאַנץ הייס, דאָ־דאָרט באַווײַזן זיך פֿעדער־לײַכטע וואָלקנדלעך, אָבער ווי מען ווייסט ניט פֿון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, אַזוי ווייסט מען ניט וואוהין זיי ווערן אַנטרונען.

דער ליבער זומער איז שוין אַוועק, נאָר דער האַרבסט איז נאָך ניטאָ.

פֿאַרוואָס־זשע טאַקע זאָמט ער זיך און קומט ניט, אָט דער האַרבסט ?

ווײַל ער איז ברוגז...

האָט ער זיך פֿאַרשלאָסן אין הימל־שלאָס און גייט ניט אַרויס פֿון יענער זײַט טיר.

פֿאַרוואָס איז ער ברוגז ?

הערט, וועל איך אײַך דערציילן :

*****

פֿיר ברידער זײַנען זיי :

פֿרי־פֿרילינג,\
זום־זום־זומער,\
ווינט־ווינטער,\
האַר־האַרבסט.

קומט איינמאָל פרי־פרילינג צו האַר־האַרבסט און באַ־
רימט זיך:

„ווען איך בין אַראָפּ אויף דער ערד, איז געוואָרן אַ שמחה, אַ פרייד; אַלע באַשעפענישן און אַלע געוויקסן האָבן מיך אויפגענומען מיט געזאַנג און מיט אַ טאַנץ, זיי האָבן מיך גערופן „פרילינגס־טאַנץ!"

אַ צווייטן מאָל קומט זום־זום־זומער און שטעלט זיך אויס:

„ווען איך בין אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, איז געוואָרן אַ הוליע, אַ גדולה; אַ גאַנצן טאָג האָט זיך געהערט פון אַלע פעלדער אַ געזאַנג, און אויפן שייַער און אין וויַינגאָרטן האָט מען געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט. כ'האָב געהערט שרייַען:

„לאָמיר טאַנצן אַ זומער־טאַנץ!"

אויך דער ווינטער קומט איינמאָל און דערציילט:

„אמת זאָגנדיק, מיט קייַן געזאַנג האָט מען מיך ניט אויפ־גענומען, דערפאַר אָבער האָט מען געטאַנצט פאַר מיר אַ וואונדער ווינטער־טאַנץ! מילי־מילי־מיליאָנען וויַסע שנייע־לעך, קלאָרע שטערנדלעך זייַנען אַרויס מיט אַ טאַנץ קעגן מיר, פון דער ערד ביז צום הימל!"

נו, האָט האַר־האַרבסט געהאַט פאַרדראָס:

„פאַרוואָס נעמט מען מיך אויך ניט אויף מיט אַ האַרבסט־טאַנץ?"

האָט ער באַשלאָסן און זיך פאַרשלאָסן אין הימל־שלאָס און זיך געלייגט שלאָפן...

⁂

איז דער ווינט דערפון געוואויר געוואָרן, קומט ער און קלאַפּט אָן אין שלאָס־טיר:

— האַר־האַרבסט! האַר־האַרבסט! זײַט ניט ברוגז און פֿאַרשפּאַרט זיך ניט אין שלאָס. שטייט אויף און גייט אַראָפּ וואָס גיכער, מען וואַרט אויף אײַך! און וועגן אַ האַרבסט־טאַנץ וועל איך שוין זאָרגן. נאָר איין זאַך וועל איך אײַך בעטן: שענקט מיר אַ פּײַפּעלע, וועל איך פּײַפֿן און שפּילן, און ווי מען שפּילט — אַזוי טאַנצט מען!

האָט האַר־האַרבסט אויסגעקליבן פֿון אַלע פּײַפּעלעך דאָס בעסטע און געגעבן דעם ווינט, ער זאָל גיין אויף דער ערד און אָנזאָגן די בשׂורה, אַז דער האַרבסט קומט גלײַך.

***

צעשפּרייט דער ווינט זײַנע גרויסע פֿליגל און פֿליט איבער וועלדער און פֿעלדער, איבער בערג און טאָלן, און קאַטשעט זיך איבער די שפּיץ־ביימער און פּײַפֿט:

מאַכט אַ וואַרע,
זײַט אַלע גרייט —
האַר־האַרבסט, האַר־האַרבסט
אָט קומט ער און גייט!
פֿלי־לי־לי, פּײַפּעלע,
ער קומט און גייט!

ווי נאָר אַ בוים,
אַ צווײַג, אַ בלאַט —
פּאַטשט און פֿליעסקעט
ווי־וואַט! ווי־וואַט!
פֿלי־לי־לי, פּײַפּעלע,
ווי־וואַט! ווי־וואַט!

אונטערן טייטלבוים

דרייט זיך, פֿרייט זיך
און מאַכט אַ ראָד,
לכבוד האַר־האַרבסט
אַ ק אַ ר אַ ה אָ ד!
פֿלי־לי־לי, פּיפּעלע,
אַ ק אַ ר אַ ה אָ ד!

האָבן דערהערט דיביימער — און אָנגעהויבן שעפּטשען, די מאַראַנצן־ביימער האָבן אָנגעהויבן רוישן, און די ווייַנשטאָקן האָבן זיך געסודעט:

— הערט! הערט! האַר־האַרבסט קומט!

האָט דער ווינט נאָך מער געפּײַפּט מיטן פּײַפּעלע, האָבן די ביימער זיך גענומען שאָקלען הין־הער, הער־הין; רעכטס־לינקס, לינקס־רעכטס. האָט דער ווינט געבלאָזן נאָך שטאַרקער, האָבן די ביימער נאָך שטאַרקער זיך געטרייסלט און זיך געבויגן ביז צו דער ערד.

***

אָט ווי זיי בייגן זיך, אָט ווי זיי נייגן זיך, רופֿט דער ווינט:

— איצטער זאָלן אַלע בלעטער גיין טאַנצן אַ האַרבסט־טאַנץ!

און דער ווינט האָט אַ פֿײַף געטאָן — אַזוי האָבן אַלע בלעטער און בלעטעלעך אָנגעהויבן

שאַלן און פֿאַלן,
פֿאַלן און פֿליען,
פֿליען און דרייען,
דרייען און טאַנצן

רינד־רינד־רונד ראָד —
אַ גרויסן קאַראַהאָד.

⁂

ווער האָט גענומען אָנטייל אין דעם טאַנץ?
מאַנדלבוים —
מיט זײַנע לאַנגע־דראַנגע בלעטער;
ווײַנשטאָק —
מיט זײַנע ברייט־צעשפּרייטע בלעטער;
פֿײַגנבוים —
מיט זײַנע פּליוש־האָריקע בלעטער;
באָקסערבוים —
מיט זײַנע גלאַטע־וואַטע בלעטער;
מילגרוים —
מיט זײַנע גאַנץ־גלאַנצעדיקע בלעטער.

אויך די אַקאַציע, דער טאָפּאָל און עקאַליפּטוס האָבן גע־נומען אָנטייל אין גרויסן טאַנץ.

אָט דאָס איז געווען אַ טאַנץ, אַ וואונדער־טאַנץ — אַ האַרבסט־קאַראַהאָד!


איקה.

שיפּרוני

דייסן הייסט ער „רוני", נאָר רופט מען אים „שיפּרוני".
— פֿאַר וואָס ?
— הערט אַ מעשׂה !

***

בײַם ברעג פֿון ים כּינרת שטייט אַ רײַ קליינע הײַזלעך, אַלע פֿון איין גרייס, אַלע מיט ווײַס־געקאַלעכטע ווענט, מיט בלויע פֿענצטער און לאָדן, מיט פֿלאַכע געגאָסענע דעכער.

אין איינס פֿון די הײַזער וואוינט רוני מיט זײַנע עלטערן.

רוני איז נאָך גאָר קליין, ער איז נאָר־וואָס אַלט געוואָרן פֿיר יאָר. אַ גאַנצן טאָג פֿאַרברענגט רוני אויפֿן ברעג פֿונעם כּינרת ווי אַ וואַסער־ייִנגל.

גאַנץ פֿרי, ווי נאָר רוני עפֿנט זײַנע אויגן, אַזוי שפּרינגט ער אַראָפּ פֿונעם בעט גלײַך צום פֿענצטער, קוקט אַרויס צום בלויען כּינרת און מאַכט צו אים מיט די הענט פֿון ווײַטנס און באַגריסט אים :

— גוט מאָרגן, ים !

אַ קליינע ווײַלע שפּעטער איז רוני שוין אין דרויסן בײַם ים. זײַנע קליינע פּיסלעך פּליושקען ביז די קני אין די ריינע, קילע וואַסערן ; זײַנע הענטלעך פּאַטשן און באַשפּריצן זיך אַליין מיט גלעזערנע טראָפּנס ביז איבערן קאָפּ. ווערט ער מיד — לויפֿט ער אַרויס אויפֿן ברעג און קאַטשעט זיך אין

זאַמד, באַשטראַלט פֿון דער פֿלאַמענדיקער זון. נאָכדעם קלײַבט ער אָן אַ זשמעניע גלאַטינקע שטיינדעלעך און וואַרפֿט זיי אין ים אַריין, ווי ווײַט ער קען, דאָרטן וואו זײַנע פֿיסעלעך קאָנען ניט דערגרייכן, ווײַל דאָס וואַסער איז טיף, זייער טיף.

רוני איז מקנא די שטיינדעלעך וואָס פֿאַלן ווײַט־ווײַט אין ים; אַך, ווי גליקלעך וואָלט ער געווען, ווען ער זאָל קאָנען מאַכן אַזאַ שפּרונג!...

*****

ווען רוני איז אונטערגעוואָקסן און האָט אָנגעהויבן גיין אין קינדערגאָרטן, האָט ער זיך אויסגעלערנט מאַכן אַ פּאַפּירן שיפֿעלע. ער האָט גענומען אַ לאַנגן פֿאָדעם, צוגעבונדן צום שיפֿעלע און עס אַוועקגעלאָזט אויפֿן וואַסער. אַ גרינג ווינטעלע האָט זיך געשפּילט מיטן שיפֿעלע, געבלאָזן אַהער, געבלאָזן אַהין און האָט פֿאַרפֿירט דאָס שיפֿעלע העט ווײַט. דאָס שיפֿעלע נייגט זיך, בייגט זיך, און רוני שטייט אויפֿן ברעג און קוועלט, שפּרינגט אויף איין פֿוס און זינגט:

ווײַטער, ווײַטער, שיפֿעלע,
שווים שנעל!
שרעק זיך ניט פֿאַרן ווינטעלע,
פֿאַרן וועל!

אָבער ניט ווי עס זינגט זיך אַזוי געלינגט זיך. אין איין אויגנבליק איז אָנגעלאָפֿן אַ וועל און האָט אונטערגעטונקען דאָס שיפֿעלע טיף־טיף. ציט רוני און ציט דעם פֿאָדעם, ביז ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס שיפֿעלע, איז עס אָבער געווען צעווייקט, צעבייגט, צו גאָרניט געטויגט.

האָט זײַן פֿאָטער אים געמאַכט אַ קליין הילצערן שיפּעלע. רוני האָט זיך שטאַרק געפֿרייט מיטן שיפּעלע און האָט עס גלײַך געלאָזן איבערן וואַסער.

„דאָס הילצערן שיפּעלע וועט קיינמאָל נישט זינקען", איז רוני בײַ זיך זיכער.

טאַקע אמת, דאָס הילצערן שיפּעלע איז ניט געזונקען, אָבער אַ גרויסע כוואַליע האָט געגעבן אַ האַק, איבערגעריסן דעם פֿאָדעם און פֿאַריאָגט דאָס שיפּעלע העט ווײַט, אפֿשר ביזן צווייטן ברעג ים.

דאָס שיפּעלע האָט זיך מער ניט אומגעקערט.

***

איין טאָג גייט זיך רוני אַזוי פּאַמעלעך און שפּאַצירט אויפֿן לאַנגן ברעג פֿונעם כּינרת. קומט ער אָן ביז צום בריקל, דאָרטן וואו אַ סך קליינע שיפֿלעך זענען מיט שטריק און קייטן צוגעבונדן צום ברעג. די שיפֿלעך וויגן זיך און קלאַפּן איינס אין צווייטן: בוץ, בוץ, בוץ.

קוקט זיך רוני אַרום — קיינער איז ניטאָ.

הייבט ער אויף אַ פּאָר פּיסלעך און שפּרינגט אַרײַן אין איין שיפֿל, כאַפּט אָן די וועסלעס און הייבט אָן רודערן... רודער אַהער, רודער אַהין — דאָס שיפֿל האָט זיך אַ שאָקל געטאָן, איין מאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל, און האָט זיך באַפֿרײַט פֿונעם שטריק און זיך אַ נעם געטאָן שווימען.

פֿרייט זיך רוני און רודערט נאָך מער, נאָך שטאַרקער. האָט גראָד אַ ווינטעלע אַ גוטן בלאָז געטאָן, און אַוועקגעשטופּט דאָס שיפֿל מיט איין מאָל ווײַט פֿונעם ברעג.

ערשט שפּעטער קוקט זיך רוני אַרום און זעט, אַז ער איז איינער אַליין אין שיפּל... און דאָס שיפּל איז איינע אַליין אויפֿן ברייטן־גרויסן ים...

האָט ער זיך שטאַרק איבערגעשראָקן.

ער פּרובירט אויסדרייען דאָס שיפּל צוריק — ס׳גייט ניט. ס׳נעמט אים אָן אַ שרעק און ער רופֿט צו הילף:

— ראַטעוועט!

— ר־אַ־ט־ע־וו־ע־ט!...

ווי קיינער האָט ניט געזען, אַזוי האָט קיינער ניט געהערט. ווײַט־ווײַט איז געווען דאָס שיפּל פֿונעם ברעג.

***

דערווײַל איז געוואָרן שפּעט. די עלטערן האָבן זיך אַרומגעקוקט אַז רוני איז נישטאָ. האָבן זיי אָנגעהויבן אים צו זוכן, געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב פֿרעגן אויף אים.

קיינער ווייסט ניט.

נאָר איין ייִנגעלע האָט זיך אָנגערופֿן:

— כ׳האָב געזען רונין בײַם בריקל, בײַ די שיפּלעך.

אַז די עלטערן האָבן דאָס דערהערט זענען זיי פּאַרציטערט געוואָרן; אַ שרעק איז באַפֿאַלן אויך אַלע אײַנוואוינער, און אַלע זענען געלאָפֿן גלײַך צום בריקל. מען ציילט איבער די שיפּלעך — איין שיפּל פֿעלט... די שטריק הענגען און דאָס שיפּל איז ניטאָ.

זאָגן עטלעכע:

— ס׳ווײַזט אויס, אַז דאָס קינד האָט זיך אַרײַנגעזעצט אינעם שיפּל און דער ווינט האָט עס פֿאַרטראָגן ווײַט.

זאָגן אַנדערע:

— לאָמיר גיך אַרײַן אין די שיפּלעך, אפשר וועלן מיר דעריאָגן דאָס פֿאַרבלאָנדזשעטע שיפּל.

און ווער ס'האָט נאָר געקאָנט, און וויפּל שיפּלעך עס זענען געווען האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבערן ברייטן כּינרת.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען דער אָוונט. אַ גרויסע שײנע לבנה האָט זיך באַוויזן אויפֿן הימל און זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער.

אַ שעה נאָך אַ שעה האָבן זיך די שיפּלעך געדרייט און צעשפּרייט אויפֿן שטילן כּינרת, און ערשט שפּעט בײַנאַכט האָבן זיי באַמערקט פֿון ווײַטנס אַ שיפּל וואָס וויגט זיך אויף איין אָרט.

— אָט איז דאָס שיפּל! — האָבן זיי אויסגעשריגן.

פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך די שיפּלעך אַ לאָז געטאָן, ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, זיי האָבן אָנגעיאָגט דאָס שיפּל און עס אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן.

— רוני, רוני! — שרײַען די עלטערן.

— רוני, רוני! — רופֿן אַלע.

אָבער קיינער ענטפֿערט ניט.

דער ערשטער וואָס איז אַרײַנגעשפּרונגען אין שיפּל האָט אויסגעשריגן:

— אָט איז ער! ער שלאָפֿט אין שיפּל!...

***

מיט געזאַנג האָט מען דאָס שיפּל באַגלייט צום ברעג — און רוני האָט ניט געהערט; אויף די הענט האָבן אים די עלטערן געטראָגן אַהיים — און רוני האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט; מען

האָט אים אַוועקגעלייגט אין בעט — און ער האָט ניט געפילט.
אַזוי שטאַרק איז רוני געשלאָפֿן.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אינדערפֿרי און האָט זיך געפֿונען אין בעט, האָט ער געלאַכט און גערופֿן:

— מאַמע, מאַמע, קום אַהער! מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך בין אַרײַן אין אַ שיפֿל, האָט זיך דאָס שיפל אָפּגעריסן פון די שטריק, און דער ווינט האָט עס אַוועקגעיאָגט ווײַט, ווײַט...

— דאָס איז ניט קיין חלום! — ענטפערט אים די מאַמע, און דערציילט אים די גאַנצע מעשה.

***

נאָך דער מעשה האָבן רוניס חברים אים איבערגעביטן זײַן נאָמען:

הייסן הייסט ער „רוני", נאָר רופֿן — רופֿן זיי אים „שיפֿ־רוני".

שולמית די פאַסטעכקע

בער גלעדי האָט געפּאַשעט די קי פֿונעם קיבוץ. איז ער איין מאָל שטאַרק קראַנק געוואָרן.

האָט מען געפֿרעגט: — ווער וועט גיין פּאַשען די קי?

האָט קיינער זיך ניט אָנגערופֿן, ווײַל אַלע חברים זײַנען פֿאַרנומען: די אַרבעט אין קיבוץ ברענט — עס זיינען ניטאָ אַזוי פיל הענט.

האָט גלעדי אַ טעכטערל, הייסט זי שולמית.

קומט שולמית און זאָגט:

— „איך וועל פּאַשען די קי!"

צבי, דער אָנפֿירער פֿון דער אַרבעט, האָט געעפֿנט אויף איר אַ פּאָר גרויסע אויגן:

— „ווי אַלט ביסטו, מיידל?"

— „איך בין געוואָרן צען".

— „צען?" — ענטפֿערט צבי — „זייער שיין, אַזאַ מיידעלע דאַרף גיין אין שול!"

איז גראָד דערבײַ געשטאַנען חבר חיים, דער „לץ" פֿונעם קיבוץ, זאָגט ער גלײַך שטראָם־גראַם:

מיידעלע־דריידעלע, שנעק,
פֿאַרדריי דעם קיעלע דעם עק!..."

לאַכט שולמית, אָבער זי רירט זיך ניט פֿון אָרט.

רופֿט זיך אָן צבי גאַנץ ערנסט:

— „שולמית, דו וועסט נישט קענען פּאַשען; דו ביסט אַ קליינע, די קי זײַנען גרויסע. איינע שטויסט, די צווייטע בריקעט, די דריטע — דריגעט".

ענטפֿערט שולמית:

— „איך קען יאָ פּאַשען די קי! אַ סך מאָל בין איך געגאַנגען מיט מײַן פֿאָטער אין פֿעלד, און נישט איין מאָל בין איך געבליבן אַליין מיט דער סטאַדע, איך קען גוט די קי און זיי קענען מיך אויך. אָט פֿרעגט מײַן פֿאָטער, וועט ער אײַך דערציילן".

זעט צבי אַז שולמית איז בײַ זיך אַזוי שטאַרק, זאָגט ער:

— „גוט, שולמית, גיי פּאַשען, נאָר געדענק, גיב אַכטונג און זײַ בראַוו".

***

אָט אַזוי איז שולמית געוואָרן אַ פּאַסטעכקע.

גאַנץ פֿרי, נאָך איידער די זון גייט אויף, פֿירט זי די קי צו דער פּאַשע, און פֿאַרנאַכט ווען די זון האַלט בײַם פֿאַרגיין, קערט זי זיך אום מיט די קי, די האָר צעפּאַטלט און דאָס פּנים פֿאַרברוינט.

פּונקט דעמאָלט וואַקסט אויס אַנטקעגן איר חיים דער לץ, און שטראַמט־גראַמט:

„מיידעלע־דריידעלע, שנעק,
פֿאַרדריי דעם קיעלע דעם עק".

שולמית איז זייער צופֿרידן פֿון איר ראָלע, כאָטש ס'איז ניט אַזוי לײַכט צו פּאַשען קי: איינע שטויסט, די צווייטע בריקעט, די דריטע דריגעט.

די פּאַשע־פֿעלדער זײַנען פֿול מיט גריבער און זומפּן. נישט איין מאָל איז אַ קו אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרוב און זיך צעבראָכן

אַ פּוס; אַנומלט איז אַ קו אײַנגעזונקען טיף אין אַ זומפּ און האָט ניט געקענט אַרויס, ביז דער גאַנצער קיבוץ איז געקומען און האָט זי אַרויסגעצויגן מיט שטריק.

שולמיתן האָט אָבער קיין שלעכטס ניט געטראָפֿן; די פֿעל־דער זײַנען איר גוט באַקאַנט, זי ווייסט וואו אײַן, וואו אויס, און פֿאַרשטייט ווי אַכטונג צו געבן אויף די קי.

***

שולמיתעס סטאַדע באַשטייט פֿון צען קי; יעדע קו איז באַוואוסט מיט איר נאָמען:

חנה, שושנה, מלכּה, שׂפרה, אַביבה, חביבה, בתיה, רינה, רמה, כּרמלה.

די שענסטע, בעסטע קו איז כּרמלה, זי איז אויך קליגער און פֿאַרשטענדיקער פֿון אַלע קי. דערפֿאַר טאַקע האָט שולמית זי שטאַרק האָלט און זוכט אויס פֿאַר איר וואו ערגעץ פֿריש, געשמאַק גראָז און שטופּט איר גלײַך אין מויל אַרײַן. פֿאַרשטייט זיך אַז אויך כּרמלה האָט שטאַרק האָלט איר פּאַסטעכקע, זי איז צוגעבונדן צו איר ווי אַ געטרײַער הונט.

ווען שולמית האָט געוואָלט צונויפֿרופֿן די קי, פֿלעגט זי אויסשרײַען אויף אַ קול:

— „כּרמלה!"

און כּרמלה פֿלעגט ענטפֿערן פֿון ווײַטן: „מו־ו־ו!" און גלײַך געשפּאַנט צו איר פּאַסטעכקע.

ווי נאָר די קי האָבן געזען אַז כּרמלה גייט — אַזוי זײַנען זיי אַלע איר נאָכגעגאַנגען שאָקלענדיק די קעפּ און דרייענדיק מיט די עקן.

כרמלה איז שטענדיק געגאַנגען זײַט בײַ זײַט מיט שולמיתן.
שולמית האָט אויך געהאַלטן אין האַנט אַ לאַנגן צווײַג, אָבער זי האָט אים קיינמאָל ניט גענוצט.

⁂

אַזוי זײַנען אַריבער רואיקע, שטילע טעג.
עס זײַנען אָבער אָנגעקומען שווערע צײַטן:
ווילדע רויבערס האָבן זיך באַוויזן אינעם געגנט און אָנגעפאַלן אויף ייִדישע ישובים. דער קיבוץ האָט גערופן אַ פאַרזאַמלונג און מ'האָט געמאַכט פּלענער ווי אַזוי אײַנצוואַרדענען אַ וואַך.

— „מען טאָר ניט לאָזן אויף הפקר אונדזער שנעק אַליין מיט די קי! — רופט זיך אָן חיים דער לץ, דאָס מאָל אָן שפּאַס.

— „זאָלסטו טאַקע באַגלייטן שולמיתן אין פעלד אַריין!" — זאָגט דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג.

מאָרגן פרי, ווען שולמית האָט צונויפגענומען די קי, קומט חיים און זאָגט איר:

— „מיידל־דריידל, הער אויס: פיר די קי אין פעלד, ניט ווײַט פונעם קיבוץ. אין אַ שעה אַרום וועל איך קומען. וואַרט אויף מיר".

שולמית האָט געבראַכט די קי אין פעלד. דער טאָג איז געווען ריין און שיין, דאָס גראָז — גרין און פריש, און די קי האָבן זיך געפּאַשעט רואיק. שולמית גייט פון איינער צו דער צווייטער און גלעט זיי. ווען זי איז צוגעקומען צו כרמלהן און אָוועקגעלייגט די האַנט אויף איר רוקן, האָט כרמלה אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַרויסגעשטעקט איר צונג און אָנגעהויבן לעקן שולמיתן. נעמט שולמית, האַלדזט כרמלהן און רופט:

— „כ'וועל ניט דערזאָלן מ'זאָל דיך צונעמען פֿון מיר, כ'וועל ניט דערלאָזן!"

דערווײַל איז שוין אַריבער מער ווי אַ שעה צײַט און חיים איז נאָך ניט געקומען. קלעטערט שולמית אַרויף אויף אַ קליין בערגל און קוקט אַרויס צום קיבוץ צו, אָבער חיימען זעט זי ניט.

„אַ סך אַרבעט אין קיבוץ, דערפֿאַר זוימט ער זיך!" — קלערט שולמית, און נעמט רײַסן פֿרישע קוויטן.

פּלוצעם הערט זי עמעצער פֿײַפֿט.

***

„דער לץ קומט שוין!" — קלערט שולמית, שטעלט זיך אויף און ענטפֿערט מיט אַ פֿײַף.

אָבער חיימען זעט זי נאָך אַלץ ניט.

„ווער זשע האָט געפֿײַפֿט?" — וואונדערט זי זיך.

זי שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פֿינגער און קוקט אַרום און אַרום. באַמערקט זי אין דער ווײַט שוואַרצע פּינטלען רירן זיך. און ווידער האָט זי דערהערט אַ פֿײַף...

שולמית האָט אַ ציטער געטאָן. זי וואַרפֿט אַ בליק אויף די קי, זיי זײַנען צעשפּרייט אויפֿן פֿעלד.

— „כּר־מ־לה!" — שרײַט אויס שולמית, און שפּרינגט אַראָפּ פֿונעם בערגל.

„מו־ו־ו!" — ענטפֿערט כּרמלה און הייבט אויף דעם קאָפּ פֿונעם גראָז.

— „כּר־מלה! כּר־מלה!" — שרײַט הויך שולמית און לאָזט זיך לויפֿן געשווינד אויפֿן וועג צום קיבוץ.

די קי האָבן אויסגעצויגן די העלדזער און אָנגעהויבן מוקען און רירן זיך.

— „כר־מלה! כר־מלה! כר־מלה! — — — —

כרמלה האָט געשטעלט פּיס און אָנגעהויבן לויפֿן און סאָפּען, כדי אָנצויאָגן שולמיתן. אַלע קי האָבן אויסגעצויגן די העלדזער, פֿאַרריסן די עקן און געלאָפֿן אָניאָגן כרמלהן.

שולמית לויפֿט מיט אַלע אירע כוחות, זי קוקט זיך ניט אום צוריק. פֿון ווײַטן הערט זי דאָס קלאַפּן פֿון פֿערדישע פּאָד־קאָוועס און אַ טומל און געוואַלד וואָס דערנענטערט זיך מער און מער.

שולמית שטרענגט אָן אירע לעצטע כוחות, זי לויפֿט וואָס גיכער. די סכּנה איז גרויס, יעדע סעקונדע איז טײַער. אָבער אירע פֿיסלעך ווערן מיד און שוואַך, אָט־אָט בלײַבט זי שטיין, אָט־אָט פֿאַלט זי. כרמלה האָט שוין זי אָנגעיאָגט. מיט איין שפּרונג כאַפּט זיך שולמית אַרויף אויף איר רוקן, דריקט שטאַרק די פֿיסלעך צו איר בויך, האַלט זיך אָן אין די הערנער און האַלט אין איין שרײַען:

— „כרמלה, שנעלער! כר־מ־לה! כר־מ־לה!”

⁂

שולמית איז אָנגעקומען בשלום אין קיבוץ רײַטנדיק אויף כרמלהן, און אַלע קי אַרום איר.

נאָך אין מיטן וועג איז אָנגעקומען די הילף.

דורך וועמען?

דורך חיימען!

ווען חיים האָט דערזען אַז ער מוז פֿאַרשפּעטיקן, איז ער אַרויף אויפֿן הויכן טורעם וואָס שטייט אין מיטן קיבוץ, צו זען פֿון ווײַטן וואָס הערט זיך בײַ שולמיתן. ער האָט גלײַך דערזען

וואָס עס איז געשען, און גענומען קלינגען מיטן גלאָק. באַלד זײַנען אַלע חברים געקומען פֿון אַלע זײַטן און געלאָפֿן ראַטע־ווען שולמיתן.

נאָר אַ פּאָר מינוט האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ פֿון ביידע זײַטן, די רויבער זײַנען אָפּגעטראָטן און זיך צעלאָפֿן.

שולמיתן האָט מען אַוועקגעלייגט רוען, זי איז געשלאָפֿן ביז אין אָוונט. ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין עס־צימער, האָבן אַלע חברים זי אויפֿגענומען מיט גרויס פֿרייד.

און חבר חיים, דער לץ, האָט זיך אַוועקגעשטעלט קעגן איר געפּליעסקעט מיט די הענט און געשטראַמט־געגראַמט:

מיידעלע־דריידעלע, שנעק,
פֿאַרדריי אַ קו דעם עק!

אַ מעשׂה מיט אַ היטל

איין מאָל נעמט אורי זײַנע חבֿרים און מאַכט מיט זיי אַ שפּאַציר אין װײַנגאָרטן, װײַט פֿון דער קאָלאָניע. זיי גייען דורך צווישן רייען װײַנשטאָקן און קומען אָן ביז צו דעם אַלטן פֿײַגנ־בוים וואָס שטייט אין מיטן װײַנגאָרטן. קײַן פֿײַגן זײַנען נאָך ניט געווען אויפֿן בוים. קלעטערן די קינדער אַרויף אויף די אונטערשטע צווײַגן און זעצן זיך אָפּרוען.

אורי אַליין קלעטערט ביזן שפּיץ בוים און שטעלט זיך אַוועק קוקן ווי די קאָלאָניע זעט אויס פֿון דער װײַטנס מיטן הויכן וואַסער־טורעם.

די קינדער האָבן זיך אָנגעשפּילט און זיך אומגעקערט אַהיים מידע אָבער פֿריילעכע.

ווען אורי איז אַרײַן אין שטוב פֿרעגט אים זײַן מאַמע:

— „וואו איז דײַן היטל?"

אורי גיט זיך אַ טאַפּ דעם קאָפּ — נישטאָ דאָס היטל. ביז איצט האָט אורי ניט באַמערקט אַז זײַן היטל איז ניטאָ.

— „ס'ווײַזט אויס, אַז דער ווינט האָט אַראָפּגעבלאָזן דאָס היטל ווען איך בין אַרומגעלאָפֿן אין װײַנגאָרטן", — זאָגט אורי.

— „אַ שאָד, נאָך אַ שפּאָגל־נײַ היטל", — זאָגט די מאַמע — „מאָרגן פֿרי זאָלסטו גיין אין װײַנגאָרטן, וועסטו געפֿינען דײַן היטל הענגען אויף אַ װײַנשטאָק".

אורי איז אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי און איז אַוועק אין ווײַנגאָרטן, דורכגעשפּאַנט צווישן די ווײַנשטאָקן ביז צום פֿײַגנ־בוים, געזוכט און געזוכט — אָבער זיין היטל האָט ער ניט געפֿונען.

⁂

עס זײַנען אַריבער טעג, אַריבער וואָכן. אורי האָט פֿאַרגעסן אין זײַן היטל, מ׳האָט אים שוין געקויפֿט אַ נײַ היטל.

איין מאָל נעמט ער זײַנע חברים און זיי גייען נאָך אַ מאָל אין ווײַנגאָרטן.

ס׳איז געווען שניט־צײַט. אַרבעטער האָבן געשניטן די טרויבן מיט געזאַנג. אורי מיט זײַנע חברים האָבן גלײַך גענומען העלפֿן שנײַדן די טרויבן. זיי האָבן געטאָן די אַרבעט זינגענדיק. מיט פֿרייד האָבן זיי געאַרבעט ביז מיטאָג־צײַט. נאָך דעם האָבן זיי זיך געזעצט אונטער דעם פֿײַגנבוים אַרום אַ קויש מיט זאַפֿטיקע שטענגלעך טרויבן, געגעסן און פֿאַרביסן מיט זיסע פֿרישע פֿײַגן און זיך געלייגט אָפּרוען.

ליגן די קינדער אויף דער ווייכער ערד מיטן פּנים אַרויף און קוקן אויפֿן בלויען הימל דורך די גרינע צווײַגן.

פּלוצעם רופֿט אויס איין ייִנגל:

— „זעט נאָר, עפּעס הענגט דאָרט אויפֿן שפּיץ בוים!"

די קינדער קוקן אַרויף און אורי גיט אַ שפּרונג און שרײַט אויס:

— „ס׳איז דאָך מײַן היטל!"

אורי קלעטערט גלײַך אַרויף אויפֿן בוים, און ווי נאָר ער דערנעענטערט זיך צום שפּיץ — פֿליט אַרויס אַ פֿויגל פֿון

היטל און שטעלט זיך אַוועק פֿון דער ווײַטנס אויפֿן אייבערשטן צווײַגל.

— „אַ פֿויגל, אַ פֿויגל איז אַרויסגעפֿלויגן פֿון דײַן היטל!״ — שרײַען אויס די קינדער.

אורי קלעטערט אַרויף העכער, קוקט אַרײַן אין היטל און רופֿט אויס:

— „חברה, קומט אַהער וועט איר זען עפּעס שיינס!״

חברה האָבן זיך אַ לאָז געטאָן און ווי מאַלפּעס אַרויפֿגעקלעטערט אויפֿן בוים און אַרײַנגעקוקט אין היטל.

דאָרטן זײַנען געווען פֿינף פּיטשינקע פֿייגעלעך, נאַקעטע, צוגעדריקט איינס צום אַנדערן און פּישטשען: ציף! ציף! ציף!

— „זיי ציטערן, ס׳איז זיי קאַלט!״ — רופֿט אויס איין ייִנגל.

— „זיי זײַנען הונגעריק, דאָרשטיק!״ — רופֿט אויס אַ צווייטער.

— „זיי רופֿן די מאַמע, זיי שרעקן זיך״, — זאָגט אַ דריטער.

— „ניט אָנרירן זיי!״ — זאָגט אַ פֿערטער.

— „וואָס זשע וועט זײַן מיט מײַן היטל?״ — פֿרעגט אורי.

אַלע חברים האָבן אויף אים געעפֿנט אַ מויל:

— „דו האָסט דאָך שוין אַ נײַ היטל, לאָז דאָס איבער פֿאַר די קליינינקע פֿייגעלעך״.

— „גוט!״ — האָט אורי צוגעשטימט. — „ביז זיי וועלן אויסוואַקסן״.

⁂

און אַזוי איז טאַקע געווען.

יעדן טאָג זײַנען די קינדער געגאַנגען אין ווײַנגאָרטן אַרײַן קוקן אין היטל־נעסט.

איין מאָל קומען זיי — דאָס היטל איז ליידיק!
אורי, אָבער, האָט זײַן היטל צוריק ניט גענומען.
— „אַ מתּנה" — זאָגט ער — „פֿאַר די פֿייגעלעך! זאָל עס
דאָ בלײַבן!"

וואַסער אין ירושלים

א

אין דער הייליקער שטאָט ירושלים, אין אַ הויף אַרומ־געצאַמט מיט אַ מויער, / וואָס עפֿנט זיך מיט אַן אײַזערנעם טויער, / אין אַ ברייטער הײַזקע מיט אַ נידעריקער סטעליע / וואוינט אַ פֿרומער ייִד רבֿ אליה / מיט זײַן פֿרום ווײַב פֿרומע.

אַ גאַנצן טאָג, פֿון פֿרי ביז אָוונט, / זיצט רבֿ אליה, לערנט און דאַוונט. / און די פרומע, זײַן ווײַב, פֿון פֿרי ביז נאַכט, / איז פֿאַרנומען מיט אירע קינדערלעך — אַכט.

זיי הייסן:

פעסעלע, יאַנקעלע, העשעלע, וועלוועלע,
זעלדעלע, ניסעלע, בערעלע.

ב

ירושלים איז אַ שטאָט פֿון טויזנטער יאָרן, / שלמה המלך איז נאָך דאָרטן געבאָרן. / זײַנען דאָ אין ירושלים אַ סך גאַסן מיט אַ מאַרק אַ ברייטן, / דאָרטן זײַנען דאָ אַ סך געשעפֿטן און קלייטן. / קענסט דאָרט קויפֿן אַלצדינג שיין און גוט — / פֿון אַ שופֿר ביז אַ פֿינגערהוט; / כּלים פֿון איילבירטהאָלץ, פּערלמוטער און קאָרעלן — / און וואָס נאָר ס׳קען אײַך געפֿעלן. / און שטיינערנע הײַזער זײַנען דאָ אין ירושלים:

פּאַלאַצן, שפּיטאַלן, / חדרים און שולן, / איינע פֿון דער צווייטער העכער, / און אַלע מיט רונדיקע, קופּערנע דעכער.

אַלץ איז אין ירושלים דאָ,
נאָר וואַסער איז אין ירושלים נישטאָ!

ג

ווען איז אַ יום־טוב אין ירושלים? ווען ס׳גייט אַ רעגן. / טראָפּנס קלאַפּן אויפֿן פֿענצטער און פֿאַרפֿלייצן די וועגן. / רופֿט מאַמע פֿרומע אירע קינדער צו זיך, און צעטיילט זיי דאָס געשיר פֿון קיך:

נעם פעסעלע אַ פֿעסעלע,
נעם יאַנקעלע אַ קעסעלע,
נעם העשעלע אַ פֿלעשעלע.
נעם בערעלע אַ קריגעלע,
נעם וועלוועלע אַן עמערל,
נעם זעלדעלע אַ טעלערל,
נעם ניסעלע אַ שיסעלע.
נעם פערעלע אַ טעפּעלע,

ד

טוען אַן די קינדער אויפֿן קאָפּ ווער אַ פֿאַטשיילקע, ווער אַ קעפּקע און מען לויפֿט אַרויס אין גאַס.

טיפּ־טיפּ־טיף! — ס׳קאַפּעט, ס׳איז נאַס;
טיפּ־טיפּ־טיף! — טראָפּנס קרישטאָלענע;
טיפּ־טיפּ־טיף! — טראָפּנס לויטערע!

ניט לאַנג געוואַרט, ניט לאַנג געשטאַנען — / פֿולע כלים שוין פֿאַראַנען. / מיט מזל, מיט גליק — / די קינדער לויפֿן שוין פֿאַמעלעך צוריק! / קיינער איין טראָפּן ניט פֿאַרגאָסן, / און זינגען: ושאַבתּם מים בששון!

ה

די מאַמע פֿרומע וואַרט שוין אויף דער שוועל:

— „גיכער, קינדער, קומט אַריין שנעל!"

גייען די קינדער אַריין פֿריילעך, מיט אַ טאַנץ / און שטעלן אַוועק די כלים פֿול מיט גלאַנץ. / גלאַנצט דאָס וואַסער ווי שפּיגעלעך, גלאַנצן ביי די קינדער די בעקעלעך, גלאַנצט אויך ביי דער מאַמען אין אויג אַ טרער — / (קיין זאַך קאָן ניט גלאַנצן מערער און מער!)

הייבט אויף די מאַמע פֿרומע אין דער הייך צוויי הענט, ווייסע־בלאַסע:

— „געלויבט ביסטו גאָט! מיר האָבן שוין וואַסער!"

דעם טאַטנס רעגן־שירעם

א מאָל איז געווען, געווען איז א מאָל
א קליין יינגעלע מיט א גרויסן פאַראַסאָל.

דוד׳ל איז געזעסן און געגעסן און געקוקט אין דרויסן אויפֿן רעגן דעם גרויסן.

ער וויל גיין אין קינדער־גאָרטן.

זאָגט די מאַמע:

— „ניין, מײַן קינד. הײַנט גייסטו ניט אין קינדער־גאָרטן, ווײַל עס רעגנט״.

ענטפֿערט דודל:

— „און אַז עס רעגנט — איז וואָס? כ׳וועל נעמען דעם טאַטנס רעגן־שירעם״.

און דודל עסט אויף גיך, טוט אָן דעם מאַנטל אויף זיך, נעמט דעם טאַטנס רעגן־שירעם און לאָזט זיך איינער אַליין אין קינדער־גאָרטן גיין.

⁂

גייט דודל און שפּאַנט מיטן שירעם אין האַנט. זעט ער חנה־באַנאַנאַ שטייט בײַם פֿענצטער און קוקט אַרויס אין דרויסן אויפֿן רעגן דעם גרויסן.

רופֿט ער:

— „חנהלע, וואָס קוקסטו דאָרטן? קום מיט מיר אין קינדער־גאָרטן!״

לויפֿט חנהלע אַרויס, און באַלד איז זי שוין אונטערן גרויסן רעגן־שירעם.

****

גייען זיי ביידע.

זעען זיי: דבורהלע שטייט בײַ די טרעפּ, האַלט אין איין פֿאַרשפּיליען די קנעפּ, און האָט מורא אַרויסגיין אויפֿן גאַס, זי זאָל ניט ווערן נאַס.

רופֿן זיי:

— „דבורה, דבורה, האָב ניט קיין מורא! קום מיט אונדז אין קינדער־גאָרטן".

לויפֿט דבורהלע אַרויס. אַ לויף, אַ שפּרונג — און איז שוין אונטערן גרויסן רעגן־שירעם.

****

גייען זיי זאַלבעדריט, טריט בײַ טריט.

דער ווינט ווייט, דער רעגן גייט, און אונטערן רעגן־שירעם איז אַ פֿרייד.

זעען זיי: מיכל שטייט אונטער אַ דאַך און וואַרט.

שרײַען זיי:

— „מיכל־מעכל, וואו איז דײַן שׂכל, ביז וואַנען וועסטו שטיין אונטערן דעכל? קום מיט אונדז אין קינדער־גאָרטן".

מיכל־מעכל האָט דווקא שׂכל, און שפּרינגט אַרײַן גלײַך אונטערן רעגן־שירעם.

****

גייען זיי ווײַטער אין גאַס, און דער רעגן גיסט ווי פֿון אַ פֿאַס.

זעען זיי: לאהלע, די קליינע, ווי אַ ליאַלקע אַ שיינע, שטייט אויפֿן שוועל פֿון איר הויז און איז טרויעריק.

רופֿן זיי זי:

— „וואָס שטייסטו, לאהלע, אויפֿן שוועל? קום מיט אונדז, שנעל!"

ווערט לאהלע פֿריילעך און לויפֿט אַרויס — און אָט איז זי שוין אויך אונטערן רעגן־שירעם.

דערווײַל בליצט אַ בליץ, אַ דונער טוט אַ קלאַפּ און דער רעגן כליאַפּ־כליאַפּ!

⁂

גייען זיי און שווײַגן.

זעען זיי: נאַטע מיט די רויטע בעקעלעך, שוואַרצע שיך און בלויע זעקעלעך שפּרינגט אויף איין פֿוס אַהין, אויף איין פֿוס אַהער.

רופֿן זיי:

— „נאַטע, נאַטע, גענוג שפּרינגען אין בלאָטע. קום מיט אונדז אין קינדער־גאָרטן".

⁂

דערווײַל האָט דער רעגן שוין אויפֿגעהערט רעגענען, דער הימל איז געוואָרן לויטער, די זון האָט אָנגעהויבן שײַנען — און די אַלע קינדער האָבן זיך געהאַלטן אונטערן גרויסן רעגן־שירעם.

און מיט פֿרייד און געזאַנגען
אין קינדער־גאָרטן געגאַנגען.



דער גוטער ווינט

אין איין ווינטערטאָג, אין אַ ריינעם־שיינעם פֿרימאָרגן, איז אַרויסגעגאַנגען דער גוטער ווינט מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער וועלט.

שוועבט ער אויף באַרג און טאָל און קומט צו אַ מאַנדל־גאָרטן.

זעט ער ווי די מאַנדלביימער שאָקלען זיך און שושקען זיך.

— „וואָס שאָקלט איר זיך, מאַנדלביימער, און וואָס שוש־קעט איר זיך ?"

— „מיר ווילן טרינקען !" — ענטפֿערן די ביימער. — „זע : אַלע צווייַגן זייַנען באַדעקט מיט בלימעלעך, זיי ווילן טרינקען !"

— „נישט געזאָרגט !" — ענטפֿערט זיי דער ווינט — „נאָך הייַנטיקן טאָג וועט גיין אַ רעגן !"

***

שוועבט דער ווינט ווייַטער אויף באַרג און טאָל.

גייט ער פֿאַרבייַ אַ געאַקערט פֿעלד. קליינע דינינקע קע־פּעלעך פֿון ווייצן־גרעזעלעך האָבן אַרויסגעשפּראָצט און גע־קוקט צום הימל אַרויף.

— „קליינע גרעזעלעך, דינע שפּראָצעלעך !" — רופֿט צו זיי דער ווינט — „וואָס קוקט איר אַזוי צום הימל אַרויף ?

— „מיר זייַנען דאָרשטיק !" — ענטפֿערן די ווייצן־גרע־

זעלעך — „זע: פֿיל וואָלקנדלעך דרייען זיך אויפֿן הימל און קאַפּען ניט אַראָפּ קײַן איין טראָפּן וואַסער".

— „נישט געזאָרגט!" — בארואיקט זיי דער ווינט. — „נאָך הײַנטיקן טאָג וועט רעגענען!"

***

פֿליט דער גוטער ווינט ווײַטער איבער באַרג, איבער טאָל.

זעט ער אַ גרויסן גאָרטן. אין גאָרטן — פֿיל בייטן. אויף די בייטן — בלומען.

די בלומען זײַנען טרויעריק, די קעפּלעך אַראָפּגעלאָזט, די בלעטעלעך אַראָפּגעבויגן, אָט־אָט פֿאַלן זיי.

ווענדט זיך צו זיי דער ווינט:

— „שיינע בלומען מײַנע, וואָס זענט איר אַזוי טרויעריק?"

— „אוי!" — קרעכצן די בלומען. — „דו זעסט גאָר ניט, גוטער ווינט? די קעפּלעך אַראָפּגעלאָזט, די בלעטעלעך אַראָפּגעבויגן, ווײַל מיר ווילן טרינקען!"

***

ווי דער ווינט האָט דאָס דערהערט, שפּרייט ער אויס זײַנע פֿליגל און פֿליט אין דער הייך. דער הימל איז בלוי, לויטער, נאָר אַ סך וואָלקנדלעך דרייען זיך אַרום דאָ־דאָרט.

איין וואָלקנדל גייט אַוועק — דאָס צווייטע קומט אָן.

איין וואָלקנדל קומט אָן — דאָס צווייטע גייט אַוועק.

אָט גייען צוויי וואָלקנדלעך זײַט בײַ זײַט ווי זיי וואָלטן רעדן צווישן זיך. פּלוצעם ווערן זיי אײַנגעשלונגען איינס אין

אַנדערן, ווידער זיך צעשיידט און אַוועק, דער אַהער, דער אַהין. זיי שפּאַצירן גאָר.

***

רופֿט אויס דער ווינט:

— „איַי וואָלקנדלעך רעגנדיקע! וואָס שפּאַצירט איר דאָ אויבן, ווען אונטן אויף דער ערד זײַנען אַלע דאָרשטיק, גייען אויס נאָך אַ טראָפּן רעגן?"

— „וואו?" — פֿרעגן וואָלקנדלעך פֿון איין זײַט.

— „וואו? וואו?" — רופֿן אַנדערע פֿון אַ צווייטער זײַט.

— „נעם אונדז!" — שרײַען וואָלקנדלעך פֿון אַ דריטער זײַט — „טראָג אונדז אַהין, און מיר וועלן דאָרט אויסגיסן אַ גוטן, גרויסן רעגן!"

און ווי זיי רעדן, האָבן זיי זיך אַלע צוגעטוליעט צום ווינט און אַרויף אויף זײַנע ברייטע פֿליגל.

האָט זיך דער ווינט צעלאָזט, געקלאַפּט מיט זײַנע פֿליגל, און ס'האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן, פֿון אַלע קליינע וואָל־קנדלעך איז געוואָרן איין גרויסער, שוואַרצער, דיקער וואָלקן — און אַ שטאַרקער רעגן האָט גענומען גיסן.

***

האָבן געטרונקען די מאַנדלביימער, די ווייצן־גרעזעלעך, און די בלומען האָבן אויפֿגעהויבן זייערע קעפּעלעך.

— „אפֿשר ווילט איר נאָך טרינקען?" — פֿרעגט דער גוטער ווינט.

— „גענוג, גענוג!" — האָט זיך געלאָזט הערן פֿון אַלע זײַטן.

— „גענוג שוין!״ — שרײַט אויף דער ווינט צו די וואָלקנס.
— „איצט איז גענוג, לאָזט איבער אויף אַ צווייטן מאָל.

האָבן די וואָלקנס זיך צעשפּרייט, צעגאַנגען ביזן עק הימל. די זון האָט זיך באַוויזן און געשיקט פֿריילעכע, וואַרעמע שטראַלן אויף דער ערד.

פֿון אַלע זײַטן האָבן די דערוואַרעמטע געוויקסן באַדאַנקט דרײַ מאָל:

אַ דאַנק דעם גוטן ווינט!
אַ דאַנק דעם גרויסן רעגן!
אַ דאַנק דער שיינער זון!



דאָס שטיבל אויפֿן באַרג

אויף אַ הויכן באַרג, צווישן גראָז און בלומען שטייט אַ קליין שטיבעלע. האָט דאָס שטיבעלע קליינע פֿענצטערלעך; האָבן די פֿענצטערלעך ווײַסע פֿאָרהענגלעך; און פֿיר טירן האָט דאָס שטיבעלע — פֿיר טירן אין אַלע זײַטן:

איין טיר אין מזרח־זײַט,
דאָרט וואו די זון גייט אויף;
איין טיר אין מערב־זײַט,
דאָרט וואו די זון פֿאַרגייט;
אַ טיר אין דרום־זײַט,
און אַ טיר אין צפֿון־זײַט.

אין קליין שטיבעלע שטייט אַ לאַנגער טיש מיט אַ ווײַס טישטעך געדעקט, מיט געשמאַקע געריכטן, מיט זיסע געטראַנקען געשטעלט.

און ווער וואוינט אין קליין שטיבעלע? אַ קליין, גוט מיידעלע.

זי אַליין קערט און ראַמט,
זי אַליין נייט און שטריקט,
זי אַליין וואַשט און פּרעסט,
זי אַליין קאָכט און באַקט,
זי אַליין שנײַדט ברויט, רײַבט כריין,
אָבער עסן עסט זי ניט אַליין.

ווען אַלץ איז שוין גרייט, שטעלט זי זיך אויף דער שוועל פֿון שטיבעלע און רופֿט:

— „מײַן שטיבעלע איז קליין,
אָבער ציכטיק און ריין.
דער טיש איז געדעקט,
און דאָס עסן שמעקט.
קומט אַרײַן, גוטע לײַט,
פֿון נאָענט און פֿון ווײַט.
ווער ס'איז הונגעריק זאָל עסן,
ווער ס'איז דאָרשטיק זאָל טרינקען.
און ווער נאָר עס וועט קומען —
זאָל אים וואויל באַקומען״.

אַ חזנדל

פּייסי, אַהרעלעס פֿאָטער, איז אַ חזן. אַ גאַנץ יאָר הערן זיך געזאַנגען פון זייער שטוב, ווײַל פּייסי דער חזן האַלט אין איין זינגען זמירות.

אַהרעלע, אַ זיבן־יאָריקער ייִנגל, האָט זייער ליב צו הערן ווי דער טאַטע זײַנער זינגט, און ווען קיינער זעט ניט און הערט ניט, שטעלט ער זיך אַוועק און זינגט אויס אַלע זאַכן, פּונקט ווי זײַן טאַטע.

ווען ס'קומט אָן חודש אלול, ברענגט פּייסי דער חזן אין שטוב אַרײַן אַ צענדליק ייִנגלעך — משוררים־זינגערלעך — זיי זאָלן אים מיטהעלפֿן זינגען ראש־השנה בײַם דאַווענען אין שול. יעדן אָוונט קלײַבן זיי זיך צונויף, אַלע לעבעדיקע, פֿריילעכע חברה־לײַט, און פּייסי דער חזן לערנט זיי און חזרט איבער מיט זיי די תּפֿילות.

אַלע תּפֿילות פֿון ראש־השנה זײַנען שיינע און האַרציקע, אָבער מער פֿון אַלע איז די תּפֿילה „ונתנה תוקף". ווען די זינגערלעך צעזינגען זיך בײַ דער תּפֿילה, צעגלאַנצן זיך די אייגעלעך און ווערן אַזוי פֿאַרפֿלאַמט, אַז זיי פֿאַרגעסן גאָר אַלע זייערע שטיפֿערייען. אַלע דורכגייער פֿון גאַס, סײַ גרויס, סײַ קליין, שטעלן זיך אָפּ זיך צוצוהערן צו די שיינע געזאַנגען וואָס שאַלן אַרויס דורכן אָפֿענעם פֿענצטער.

אויך אַהרעלע שטייט מיט אַן אָפֿן מויל לעבן די זינגערלעך און שלינגט אײַן אַלע טרעלן פֿונעם געזאַנג. אוי, ווי ער איז

זיי מקנא! ער וואָלט אויך וועלן זינגען מיט זיי ראש־השנה אין שול. ער ווייסט אַז ער האָט אַ שיין קעלעכל; ער האָט אַליין געהערט ווי דער לערער האָט אַנומעלטן געזאָגט צו זײַן פֿאָטער:

— אײַער אַהרעלע האָט אַ זיס קעלעכל, מען זעט אַז ס'וואַקסט אַ חזן!

דערווײַל וויל אַהרעלע זײַן כאָטש אַ משורר. פֿרעגט ער זײַן מוטער:

— מאַמע, ווען וועל איך אויך זײַן אַ משורר?

— ביסט נאָך צו קליין, מײַן קינד — ענטפֿערט די מאַמע — אין אַ יאָר אַרום אָדער צוויי...

טאַקע זייער אַ סך צו וואַרטן, נאָר וואָס קאָן ער טאָן?..

***

ערב ראש־השנה איז אַהרעלעס מאַמע קראַנק געוואָרן. דער דאָקטער האָט באַפֿוילן זי זאָל ליגן אין בעט עטלעכע טעג.

ראש־השנה אין דער פֿרי זײַנען אַלע אַוועק אין שול דאַווענען, נאָר די קראַנקע מאַמע איז געבליבן אין שטוב. זי איז געווען טרויעריק, ניט נאָר דערפֿאַר וואָס זי איז קראַנק, נאָר דערפֿאַר וואָס זי קען ניט גיין אין שול. ליגט זי אַזוי אין בעט און דער סידור איז פֿאַר איר אָפֿן, אָבער דאַווענען קען זי ניט איינע אַליין. פֿאַר גרויס צער הילט זי אײַן איר קאָפּ אין קישן און וויינט.

שפּעטער קערט זיך אום אַהרעלע אַהיים, עפּעס כאַפּן אין מויל אַרײַן, ווײַל ער איז געוואָרן הונגעריק.

ווי ער קומט אַרײַן אין שטוב, זעט ער אַז קיינער איז ניטאָ, נאָר די מאַמע שלאָפֿט אין צווייטן צימער. נעמט ער דער מאַמעס ווײַסע פֿאַטשיילע, פֿאַרוויקלט זיך מיט איר ווי מיט

אַ טלית, נעמט אַרויס זײַן סידורל, שטעלט זיך אַוועק לעבן אַ בענקל און הייבט אָן זינגען ווי אַ חזן.

אַ זיסע, שיינע, לויטערע שטים האָט קלינגענדיק געהילכט אין שטוב און דערגרייכט ביז דער מאַמען אין צווייטן צימער. די קראַנקע האָט אויפֿגעהויבן איר קאָפּ, געעפֿנט די אויגן, און דורך דער האַלב־אָפֿענער טיר זעט זי, ווי אַהרעלע שטייט און דאַוונט אַזוי געשמאַק, ווי אַן אמתער חזן פֿאַרן עמוד. זי האָט זיך געשטאַרקט, זיך אויפֿגעזעצט און געעפֿנט איר סידור.

שטייט דער קליינער חזנדל און צעגיסט זיך:

„ונתנה תוקף קדושת היום...״

און די מאַמע זיצט אין בעט, איר דאַכט זיך, אַז זי זיצט גאָר אין דער ווײַבערשער שול און הערט דעם גרויסן חזן... זי שעפּטשעט שטיל און זאָגט נאָך יעדער וואָרט וואָס טרילט אַרויס פֿון איר קינדס מײַלעכל.

זי זאָגט און זינגט אים נאָך וואָרט בײַ וואָרט, און טרערן־פֿרייד גלאַנצן אין אירע אויגן.



די פֿאַנען האָבן געזיגט

א.

מאָרגן האָבן מיר אַ יום־טוב!

די קינדער זײַנען נאָר וואָס אַרויס פֿונעם קלאַס — איז געוואָרן רוישיק און לעבעדיק די גאַס. זיי לויפֿן, שפּרינגען און שרײַען אין איין קול:

— מאָרגן האָבן מיר אַ יום־טוב!

וואָס פֿאַר אַ יום־טוב? ט"ו־בשבט! אַלע שול־קינדער גייען מיט געזאַנג, טראָגן קליינע ביימעלעך צו פֿלאַנצן אויף די וויסטע בערג.

אָט אַזוי פֿירט זיך שוין יאָרן לאַנג.

די קינדער האָבן זיך געפֿרייט, געלאָפֿן אַהיים אָנזאָגן די גוטע בשורה. —

און דער טאָג איז שיין, דער הימל קלאָר, די לופֿט רואיק און די זון שײַנט און וואַרעמט.

ב.

דעם אָוונט האָבן די קינדער זיך געלייגט שלאָפֿן גאָר פֿרי, כּדי זיי זאָלן ניט פֿאַרשלאָפֿן דעם יום־טוב. אָבער פּלוצעם באַמערקן זיי אַז דער הימל האָט זיך פֿאַרכמאַרעט. שוואַרצע וואָלקנס קומען פֿון אַלע עקן, עס ווײַזט אויס, זיי מאַכן אַ פֿאַר־זאַמלונג...

די קינדער זײַנען זייער טרויעריק געוואָרן:
— אַ רעגן וועט גיין! — רופט רוטי, קוקנדיק דורכן פֿענצטער.
— נישט מיר וועלן שפּאַצירן, נישט מיר וועלן פֿלאַנצן! — זאָרגט זיך אויך דער קלײנער אמנון.
די קינדער הייבן אויף די אויגן מיט האָפֿענונג, אפֿשר וועט זיי דער ווינט פֿאַרטרײַבן. אָבער קײַן ווינט איז ניט געקומען, און די וואָלקנס האָבן זיך געמערט מער און מער. ווען איינער פֿון זיי איז אַוועק אין אַ זײַט — זײַנען גלײַך צוויי אַנדערע געקומען אויף זײַן פּלאַץ, מער געדיכטער און מער שוואַרצער.
די קינדער האָבן אײַנגעדרימלט זייער פֿאַרזאָרגט.

ג.

— — — אויפֿן דאַך פֿון דער שול איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ גרויסע פֿאָן. האָט זי אויך געקוקט אַרויף אויפֿן הימל און געפֿלאַטערט:
— וואָס זענט איר געקומען, וואָלקנס, צו פֿאַרשוואַרצן דעם הימל? ווייסט איר דען ניט אַז מאָרגן איז אַ קינדער־יום־טובֿ, אַלע קינדער גייען פֿלאַנצן ביימער?
די וואָלקנס האָבן זיך געמאַכט ניט הערנדיק און געטאָן זייערס, געצויגן פֿון אַלע זײַטן.
קוקט זיך די פֿאָן אַרום און אַרום און זעט נאָך אַ סך פֿאָנען אויף די דעכער און אויף די וועראַנדעס. פֿלאַטערט זי צו זיי און רופֿט:
— חברים, איר זעט דען ניט וואָס ס'טוט זיך אין דער הייך, ווי שוואַרצע וואָלקנס האָבן פֿאַרצויגן דעם גאַנצן הימל? מירן ניט שווײַגן! לאָמיר אַלע אין איינעם! — ענטפֿערן אַלע

פּאַנען, און אָנגעהויבן פּאַכען מיט גרויס קוראַזש און שרײַען:
— אַוועק פֿון דאַנען, שוואַרצע כמאַרעס! צו וואָס זענט איר געקומען? פֿאַרשטערן די שול־קינדער זייער יום־טובֿ?

ד.

ווי די פּאַנען האָבן זיך אַזוי צעשאָקלט און צעפּאָכעט, קומט אָן אַ ווינט פֿון די שפּיץ בערג, און ווי באַלד ער האָט אויסגעהערט וואָס עס טוט זיך דאָ, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן ביז אַרויף־אַרויף און אָנגעהויבן טרײַבן די וואָלקנס:

— צעגייט זיך, צעשפּרייט זיך, איר שוואַרצע כמאַרעס, רייניקט אָפּ דעם הימל, ווײַל מאָרגן איז אַ קינדער־יום־טובֿ, פֿאַרשטערט אים ניט!

די קליינע וואָלקנדלעך האָבן זיך גלײַך איבערגעשראָקן און זיך צעלאָפֿן, אָבער די גרויסע האָבן זיך ניט גערירט פֿון אָרט און האָבן בייז געענטפֿערט:

— מירן פֿון דאַנען ניט אַוועקגיין! דער הימל איז אונדזערער, מיר וועלן פֿײַערן אונדזער יום־טובֿ אויף אונדזער שטייגער, מיט מוזיק און פֿײַער־ווערק און אַ שלאַקס־רעגן!

דערהערט דער ווינט אַזוינע ווערטער, האָט דאָס אים שטאַרק פֿאַרדראָסן. נעמט ער אַרויס זײַן פֿײַפֿל און גיט אַ שטאַרקן פֿײַף. קומען צופֿליען גלײַך בייזע ווינטן, און אַלע פֿײַפֿן מיט זייערע פֿײַפֿעלעך און קלאַפּן מיט זייערע פליגל און באַפֿאַלן די וואָלקנס:

— טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען! איר הערט?

די וואָלקנס האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי ניט געמאַכט קיין קונצן און זײַנען זיך צעלאָפֿן. קײַן שפּור פֿון זיי איז ניט געבליבן.

נאָר איינער אַ קליינער וואָלקן, אָבער אַ גרויסער עקשן, האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין עק פון דער לבֿנה און בעט זיך:
— כ׳וועל ניט גיסן קיין רעגן, כ׳וויל נאָר זען ווי די קינדער פלאַנצןביימעלעך, נאָר קוקן...
— ניין! — שרייען די ווינטן — דער הימל דאַרף בלייבן ריין־בלוי, ווי די בלויע פּאַסן אויף די פאָנען! ריין־בלוי!...

ה.

ווען די קינדער זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז דער הימל שוין געווען קלאָר, די לופט לויטער און די זון שיין. אַלע קינדער זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט געזאַנג, קיינער האָט ניט געפעלט, קיינער האָט ניט פאַרשפעטיקט. אַלע האָבן געפלאַנצט און געטאַנצט און געגעסן די גוטע חמישה־עשרדיקע פרוכטן.
אַ גרויסן שיינעם יום־טובֿ האָבן געפייערט אויך די פאָנען. זיי האָבן געפלאַטערט מיט פרייד אויף זייער זיג אין קריג מיט די שוואַרצע כמאַרעס, און געוואונטשן איינער דעם צווייטן:
— אַ גוט יום־טובֿ! אַ גוט יום־טובֿ!

די קליינע „פליקערקע"

א.

נילים פאָטער אַרבעט אין אַ פּרדס (פּאַרדייס — סאָד). גאַנץ פרי, ווען ס'איז נאָך טונקל אין דרויסן, שטייט ער אויף און גייט אַרבעטן. נילי שטייט אויף שפּעטער, ווען די זון שײַנט שוין העל. ווי נאָר זי עפנט אירע אויגן פרעגט זי באַלד:

— מאַמע, וואו איז דער טאַטע?

— דער טאַטע איז דאָך אַוועק אין פּרדס ווי שטענדיק — ענטפערט די מאַמע.

— און ווען קומט ער צוריק? — פרעגט ווײַטער נילי.

— פאַרנאַכט, ווי שטענדיק — ענטפערט די מוטער.

נילי שטייט אויף, וואַשט זיך, פוצט זיך, עסט פרישטיק און גייט אין קינדער־גאָרטן.

מיטאָג־צײַט, ווען נילי קומט צוריק פון קינדער־גאָרטן, פרעגט זי נאָך אַ מאָל:

— דער טאַטע איז נאָך ניט געקומען?

לאַכט די מאַמע:

— דו ווייסט דאָך אַליין ווען דער טאַטע קומט, וואָס פרעגסטו?

זעצט זיך נילי עסן, אָבער אַלע ווײַלע כאַפּט זי אַ קוק אין פענצטער: אפשר קומט פאָרט דער טאַטע...

פאַרנאַכט גייט נילי באַגעגענען איר פאָטער. זי גייט באַרג

אַרויף און קוקט אויפֿן לאַנגן וועג, און אַז זי באַמערקט אים פֿון ווײַטנס, לויפֿט זי אים אַנטקעגן. דער פֿאָטער זעט זיין טעכטערל לויפֿן, נעמט ער אַרויס פֿון זיין קויש אַ גרויסן, שיינעם מאַראַנץ, וואָס צוויי גרינע בלעטער הענגען פֿון ביידע זײַטן, און הייבט אים אויף אין דער הייך. צעלאָזט זיך נילי, לויפֿט און האַלט אין איין רופֿן: „טאַטע! טאַטע!" ביז זיי באַגעגענען זיך און נעמען זיך אַרום. נילי נעמט דעם שיינעם מאַראַנץ און שפּאַנט פֿריילעך מיטן טאַטן.

ב.

איין מאָל פרעגט נילי:

— וואָס טוסטו דאָרטן אין פרדס, טאַטע?

— איך רײַס מאַראַנצן פֿון די ביימער.

— איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געזען אַ פרדס! — זאָגט נילי — איך וויל זייער זען ווי מען רײַסט מאַראַנצן! — בעט נילי.

שמייכלט דער פֿאָטער און זאָגט:

— גוט, טעכטערל; מאָרגן, אויב דו ווילסט, וועל איך דיך מיטנעמען מיט זיך אין פרדס.

— איך וויל! איך וויל! — שרײַט נילי און קושט דעם פֿאָטער.

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי, נאָך איידער די זון איז אויפֿגעגאַנגען, איז נילי מיט איר פֿאָטער אַוועק אין פרדס. נאָך פֿון דער ווײַטנס האָט נילי אויסגעשריגן:

— אוי, וויפֿל ביימער! אוי, וויפֿל מאַראַנצן!

געקומען אין פרדס האָבן זיי געטראָפֿן דאָרטן נאָך פֿיל

אַרבעטער, יונגע און אַלטע. דער גלאָק האָט געקלונגען, און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן.

זעט נילי ווי עטלעכע אַרבעטער שניידן די מאַראַנצן מיט אַ שניידמעסער זייער פּאָרזיכטיק, און אַנדערע קלעטערן אויף לייטערס כּדי צו דערגרייכן צו די מאַראַנצן אויפֿן שפּיץ בוים.

גייט אַזוי נילי און דרייט זיך צווישן דיביימער, ביז מיטאָג־צייט.

ג.

אַלע אַרבעטער האָבן זיך געזעצט עסן. אויך נילי האָט זיך גוט אויסגעהונגערט און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט.

ביים עסן פֿרעגט נילי:

— פֿאַרוואָס שניידט מען די מאַראַנצן אַזוי פֿאַמעלעך, פֿאַמעלעך? מ'קען דאָך זיי פֿליקן פֿליק־פֿלינק! פֿליק־פֿליק־פֿלינק...

אַלע אַרבעטער צעלאַכן זיך.

אָבער נילי שעמט זיך ניט און זאָגט ווייטער:

— ס'וואָלט געווען אַ סך לייכטער נעמען און שאָקלען די ביימער, און אַלע מאַראַנצן וועלן פֿאַלן פֿון די צווייגן ווי ס'פֿאַלט אַ האָגל פֿונעם הימל...

די אַרבעטער האָבן אָנגעקוואָלן פֿון נילים איינפֿאַל, און איר פֿאָטער האָט גענומען איר דערקלערן:

— די ביימער, מיין קינד, זיינען מאַמעס, און די מאַראַנצן — זייערע קינדער. ווי לאַנג די מאַראַנצן זיינען נאָך קליין, גיבן די ביימער־מאַמעס זיי זויגן זאַפֿט, וואָס זיי שעפּן אַרויס פֿון דער ערד; זיי ציען אַרויס פֿון זיך פֿיל בלעטעלעך, כּדי צו באַדעקן זייערע קינדערלעך־מאַראַנצן און באַשיצן זיי ביי־טאָג

פון דער היץ און ביינאַכט פון דער קעלט; זיי היטן זיי אויך פון בייזע ווינטן און שלאַקסרעגן, זיי זאָלן, חלילה, ניט אַרונ־טערפאַלן. ווען די מאַראַנצן־קינדערלעך וואַקסן אויס, רופט יעדער מאַמע־בוים:

— קומט, גוטע לייט, וואָס איר האָט פיל געטאָן פאַר מיר, געגראָבן די ערד אַרום מיר און באַוואַסערט מיינע וואָרצלען אין די הייסע טעג — קומט און נעמט מיינע שיינע גאָלדענע מאַראַנצעלעך! אָבער זייט פאָרזיכטיק... רייסט ניט פליק־פלינק, ווייל איר וועט זיי צעשטעכן מיט אייערע נעגל; שאָקלט מיך ניט און טרייסלט ניט די מאַראַנצן, זיי זאָלן פאַלן ווי אַ האָגל פון הימל, ווייל זיי וועלן זיך צעקלאַפּן, צעשלאָגן און צעפלאַצן...

ד.

דער פאָטער האָט געענדיקט דערציילן, די רו־צייט האָט זיך אויך געענדיקט, די אַרבעטער זיינען אויפגעשטאַנען צו אַרבעטן ווייטער.

רופט נילי אויס:

— איך וויל אויך שניידן מאַראַנצן!

הערן די אַרבעטער און פּליעסקען מיט די הענט:

— בראַוואָ! אַ גוט מיידעלע! זאָל זי אַרבעטן מיט אונדז צוזאַמען, אָבער ניט פליק־פלינק...

מען גיט איר אַ שניידמעסער, און נילי גייט פון בוים צו בוים און שניידט מאַראַנצן פון די גאַר נידעריקע צווייגן. אַ פולן קאָרב האָט זי אָנגעשניטן, און אַלע זיינען שיינע, ריינע, נישט צעקראַצטע.

די אַרבעטער לויבן זי:

— אַ קלוג מיידעלע! אַ פֿלייסיק מיידעלע!
צוזאַמען מיט אַלע קערט זיך אום נילי אַהיים.
אויפֿן וועג זאָגט זי:

— טאַטע, היינט האָב איך מיין אייגענעם מאַראַנץ, וואָס איך אַליין האָב אים אָפּגעשניטן. זע, ווי שיין ער איז, מיט צוויי פֿרישע בלעטעלעך פֿון ביידע זייטן!

***

נילי איז געקומען אַהיים פֿריילעך, אָבער זייער מיד. אַ גאַנצע נאַכט איז זי געשלאָפֿן געשמאַק, און אין דער פֿרי איז זי אויפֿגעשטאַנען פֿריש און פֿריילעך.

ווען זי איז געקומען אין קינדער־גאָרטן, האָט זי געהאַט פֿיל צו דערציילן, וואָס זי האָט געזען און וואָס זי האָט געטאָן אין פּרדס. זי האָט אויך געוויזן דעם שיינעם גאָלדענעם מאַ־ראַנץ, וואָס זי האָט אָפּגעשניטן פֿונעם בוים מיט אירע איי־גענע הענט.